823

מעדעם ביבליאָטעק

MEDEM LIBRARY
TORONTO

248

מעדעם ביבליאָטעק
MEDEM LIBRARY
TORONTO

שריפטען

פון

אברהם רייזען.

I באנד

געזאמעלטע ליעדער.

פערלאג „פראגרעס", ווארשא.

תרס"ח.

דרוק פון יוזף פישער, קראקא.

MEDEM LIBRARY
TORONTO

LIBRARY
DEC 10 1997
UNIVERSITY OF TORONTO

v. 1

SCHRIFTEN von A. REISEN.

I. Band: GEDICHTE.

Verlag „Progress“ Warschau. — Druck v. Josef Fischer, Krakau. [illegible]

אינהאלט.

I.

די גראָהע נויט.

	זייטע.
מיין שפּיעלען	3
דער נאכט־וועבטער	4
ארימעס לעבען	5
דער הענדלער	7–6
צום העמעריל	8
צו א געפאלענער פרוי	9
שווארצע פּרעק	10
אויף א קבר	11
צו ארימע יונגעליך	12
מאי־קא משמע לן?	14–13
דער גמרא ניגון	16–15
נאכט און קאלט	17
די פרוי	20–18
דער מענש	21
ארימע מענשען	22
צו א ברודער	23
ווינטער ליעדער	25–24
דאס געבעט	26
די ארימע כלה	27
אלע אבענד	28
א געווינד זאלבע־אכט	29
עס פיילט	30
כ׳ווייס א הויז	31
די יוגענד	32
אין דער ארימער גאס	33
ווי קום איך?	34

II.

בענגשאפט און פרייהייט.

זייטע.

איך זינג מיינע ליעדער 37
איך ווארט 38
די לופט איז מיר ענג 39
וואס איך האף 40
ווען איך זעה 41
א, גיבער, משיח! 42
וואס שטעהט אונז נאך פאר? 43
צום פריהלינג 44
צו מיין הארץ 45
און האסטו דיין זעלע 46
כ׳וויל נעמען פון לעבען 47
בוימער 48
דער פרייער ים 49
דער אדלער 50
די צייט 51
די נייע סחורה 52
די קירכען־גלאקען 53
איצט פערשטעה איך 54
שטימען 55–56
דער סוד 57
עפים הער איך 58
אין ווינטער 59
וואו נעמט מען? 60
צו די פייגעל 61
עהרליכע ארבייט 62
די וואנד 63
מיך ציהט 64
די פריהלינג זון 65

זייטע.

אפטמאל 66
דאם נייע ליעד 67
עם דונערט, עם בליצט 68
דער פאעט 69
דער יונגער שטערען 73–70
אין פעלד 74
אין דער ווייט 76–75
בעל־הביתישער מוסר 77
און אלע וואם רינגלען מיך ארום 78
שטערען 79
אין וואלד 80
מיין הארץ 81
פאר געלד 82
אין א גרויסער שטאדט 83
אין מיינע אדערן 84
צום ווינד. 85
א ווינטער ליעד 86
דער צונ 87
מיין שיפעלע 88
מאום איז די ערד 89
ווילט זיך נאך 90
די פיערעל 91
אין טורמע 92
שטורם 93
בלאנושע 94

III.

פאלקס מאטיווען.

די ארימע געווינערין 97
אין קיך 98

ז״יטע.

הערבסט 100
פאלט אריין אנ׳ארימאן 101
דער ההן 102
די מוטער צום קינד 103
פון דער דירה 105–104
אבשייד 106
אין קישען 107
הבדלה 108
די יונגע קרעמער׳ין 109

IV.

לוסט און ליעבע.

איך וויים פון א נינון 113
אומעטינ 114
כ׳האב דיך, קינד מיינס 115
ויען דאס פייער פלאקערט 116
דו האסט מיר דיין בילד ניט נענעבען 117
אנהויב פריהלינג 118
ליעבע זון 119
צו דיר קום איך 120
מיין געליעבטע 121
אין די פינסטערע אלעען 122
און ווייסט איז אמאל 123
דאס נייע ליעבע ליעד 124
האט מיר מיין ליעבסטע 125
צו מיין ליעבסטער 126
מינוטען 127
אין פריהלינג 128
זעה דער הימעל 129

זייטע.

די נאיווע 130
ליעבעס קינד 131
וואו איז אלץ אהינגעקומען? 132
האבט מיין בלוט, ווי ויין געטרונקען 133
דיינע אויגען 134
געליעבטע 135
פערלען 136

V.

צער און יאוש.

עס גיסבען אין לעבען . . . . 140—139
מענשען און הערצער 141
פערגעסען 142
אומעט 143
מיינע טענ 144
וואלקען 145
א פראגע 146
איך האב נאך אין לעבען 147
אין א פינסטערער נאכט 148
די שטערען 149
און הונדערט מאל דענקען 150
עלענד 151
מיין פאלק 152
ווען דו בלייבסט אליין 153
די לעצטע סטרונע 154
א תפלה 155
מיינע אבגעלעבטע יאהרען 156
סודות 157
דער סוף 158

ווײטע.

דער קראנקער בוים 159
מײן טאג 160
אוי, די אײנציג־װײסע האר 161
און דער זומער װערט פערשװאונדען 162
די בערג 163
צום טרוים 164
צו מײן שטערען 165
װאו? 166
לעבען װילט זיך 167
אמאלינע טעג 168
דער נעבעל 169
איך װײס ניט 170
בײ די בוימער 171
דאס בוימעלע 172
נעדאנקען 182–177

VI.

די הײם.

מײן צוריקקעהר אהײם 199–185
פֿון מײן שטעדטיל 201–200
אין דער הײם 202

VII.

ידישע מעלאדיען.

איכה 205
אויפ'ן ניל 207–206
משה 210–208
װען ב'ציגר די ליכטליך אן 211

זייטע.

צו די חנוכה ליכטליך 212
מיין פריינד, צו די ווייסט? 213
וואס מאכט איהר? 215
דער ווינד 216
קידוש לבנה 217
דער מגיד . . . . 219—218
געהענדיג נאך צווייגען 220
נאך נדינם 221
דער פורים שפיעלער . . . . 223—222
צום מלוה 224

VIII.

געמישטע ליעדער.

דאס טייעלע . . . . 228—227
אין גארטען . . . . 230—229
ביי דעם גארטען 231
קנייטשען 232
פערגראבענעם גליק . . . . 234—233
הערבסט ליעדער . . . . 240—235
ערד און הימעל 241
דער אפגעקויפטער דיכטער 242
כ'וויל זיך מיט מיין מוזע גט'ן 243
אויפ'ן הימעל די לבנה 244
די שטארבענדע זון 245
אין פעלד 246
בעגראבען 247
אין נאס 248
טרויריג קוק איך 249
א, ווארף מיר ניט פאר 250

	זייטע.
די אונדאנקבארע פייגעל	251
אלע נאכט	252
לי הכסף	253
נאך מיין הערצענס בענעהרען	254
ליכט	256–255
צו דער פרייהייט	257
דאס אייביגע ליעד	258
איך זוך דיך	259
וויין אויג איז פערדונקעלט	260
דער חדר פון לעבען	261
צו שכורים	262
ביי אונז אין לאנד	263
ווער עס האט	264
צווישען טויזענד	265
צום ארבייטער	266
א חלום	267
מיין הארץ איז ווייך	268
יום־טוב	269
דער טאג	270
אליין	271
עס קלינגען די גלעקליך	272
אויף וואס זאלסטו ווארטען	273
איין שטערען	274
פריהלינגס ליעדער	276–275
פרעה זיך, בחור	277
קום, ברודער	278

זייטע.

איך וויין	279
אויפ'ן פעלד	280
די דריי ציגיינער	282—281
דער גוטער פאסטוך	283
איז אוועק צום קריג	284
אום היינע	287—285
ביינאכט	288

TORONTO

I.

די גראָהע נויט.

מיין שפּיעלען.

I.

אויף אַ קליין צעבראָכנער פּיעדעל
האָב איך אָבגעשפּיעלט מיין וועלט.
און דערמאָהן איך יעצט דאָס שפּיעלען
לויפט מיין וועלט דורך אַ קעלט.

ס'וויינען ביטערליך די טענער,
ס'קלינגט אין ד'אויהרען נויט־מוזיק
און עס הערט זיך אַ בעוויינען
אויפ'ן קבר פון דעם גליק...

II.

כ'האָב דאָס לעבן אויף דער פּיעדעל
פאַר דער נויט געשפּיעלט קאָנצערט,
און די נויט האָט אַפּלאָדירט מיר,
און מיט גרויס געפיהל געהערט.

און זי האָט מיר רייך בעשאָנקען,
ווי ס'ערלויבט נאָר איהר פערמעגן:
האָט מיט דערנער איינגעשאָטען,
אויסגעשפּרייט מיין לעבענס וועג...

דער נאַכט־װעכטער.

שפּעט. די נאַכט איז קאַלט און פֿינסטער,
נעבעלדיג און נאַס;
אין די הייזער רוהען אַלע —
טויט און שטום אין גאַס.

עלענד שלעפּט זיך נאָר דער וועכטער
אויף דער גאַס אַרום;
אין די שטילע הייזער קוקט ער
וועהמוטהיג און שטום.

דאָרט אין ווייכען, וואַרעם־בעטעל
שלאָפֿט זיך אַזוי גוט;
אוי, ווי וואָלטען זיינע ביינער
דאָרט זיך אויסגערוהט!

און ער קלאָגט זיך פֿאַר'ן הימעל:
ועה מיין טרויער צו:
איך אַליין האָב נאָר נישט, — היט איך
פֿרעמדען גליק און רוה!...



אברהם רייזען.

אָרימעס לעבּען...

אָרימעס לעבּען! נאָר שטענדיג זיך מאַטערן,
שטענדיג צו לעבּען אין נויט;
כּוחות די יונגע די פֿרישע צו פּטר'ן,
זוכענדיג — טרוקענעם בּרויט!

וואָגלען און וואַנדערן! וואו טאָגען ניט־נעכטיגען,
נעכטיגען ניט, וואו געטאָגט!
הערען דאָס שפּעטען פֿון בּייז־נידערטרעכטיגען,
שווייגען — קיין וואָרט נישט געזאָגט!

בּוקען זיך, בּייגען זיך נידעריג, נידעריג
בּרעכען דעם קערפּער אויף האַלבּ;
רעדען תּחנונים און וויינענדיג, ציטעריג,
בּעטען בּיים גאָלדענעם קאַלבּ!..

שטיקען פֿערלאַנגען און שטרעבּונגען קראַפֿטיגע,
שטיקען און דריקען אין האַרץ;
בּלומען פֿון יוגענד, די פֿרישע, די זאַפֿטיגע,
לאָזען צו טרעטען אויף שוואַרץ!..

דער הענדלער.

(אַ וואַרשאָווער ליעד)

אויסגעטהון פֿון זיך די שאַנד, —
מיט אַ ועקעל אין דער האַנד,
נעהמט ער אום פֿון הויף צו הויף,
העבט די אויגען אַלץ אַרויף
און ווי טרויעריג ער זינגט —
איבערן גאַנצען הויף עס קלינגט:
האַנדעל — האַנדעל!

— אָה, ווער ועגט איהר, ליעבער ייד,
וואָס פֿערצעהלט מיר אייער ליעד? —
—כ'וואהן דאָרט אויף דער סמאָטשע נאָם
אין אַ קעלער — פּייכט און נאָם,
מיט אַ גרויס געזינד:
זומער קומט דאָרט נישט אַריין
פֿון דער ליעבער זון קיין שיין,
ווינטער — בלאָזט דער ווינד.
כ'געה מיין גאַנצען ליעבען אום,
מ'הערט פֿון מיר נאָר, וואו איך קום:
האַנדעל, האַנדעל!

אוי, איך האָב נאָך ווערטער פֿיעל,
נור איך טראָג זיי אין דער שטיל —
קיינער דאַרף זיי ניט,
ווען איך קום אַהיים ביי נאַכט,
אָבגעמאַטערט און פֿערשמאַכט,
שיט איך זיי און שיט...

עס, וואָס האָב איך זיך פֿערדעט...
האָט איהר נישט אַנ׳אַלטע בעט,
אַלטע הויזען, אַלטע שיך ?
וואס איהר ווילט נאָר, האַנדעל איך –
האַנדעל, האַנדעל !

מעדעם ביבליאָטעק
MEDEM LIBRARY
TORONTO

צום העמעריל.

אָח, העמעריל, העמעריל, קלאַפּ !
שלאָג שטאַרקער אַ צוויעק נאָך אַצוויעק!
קיין ברויט איז אין שטוב שוין ניטאָ,
נאָר צרות און לייד אָהן איין עק!

אָח, העמעריל, העמעריל, קלאַפּ
דער ויינער–ער שלאָגט שוין באַלד צוועלף ;
די אויגען ווי מאַכען זיך צו –
גיעב כחות – אָ, גאָטוניע העלף.

אָח, העמעריל, העמעריל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די צוויעקעס, שלאָג גיך,
ביז מאָרגען מוז פערטיג שוין זיין
דער נבירה'טעס טאָכטערל'ס שיך !

אָח, העמעריל, העמעריל, קלאַפּ !
ניט גליטש פון מיין האַנד זיך אַרויס ;
מיין איינציגער שפייזער ביזט דו,
פון הונגער אָהן דיר געה איך אויס !...

אברהם רייזען.

צו א געפֿאלענער פֿרוי.

פֿייכטע, מאַטע, מיעדע אויגען,
בלייכע באַקען — אויסגעצויגען,
דאַרע איינגעפֿאַל'נע ברוסטען
מיט אַ הייזעריגען הוסטען — —
אויף וואָס טויגסט דו יעצט דער וועלט?!

שוין פֿערוועלקט די שעגע גלידער,
און די ליעבע גוטע ברודער
וועלען שוין צו דיר ניט קומען, —
יונגע בלומען, פֿרישע בלומען
קרינט מען קויפֿען היינט פֿאַר געלט!

מעדעם ביבליאטעק
MEDEM LIBRARY
TORONTO

שוואַרצע פּרעק.

(פּאַראָדיע)

שוואַרצע פּרעק און ווייסע קליידער,
יעדע פּרוי — אַ ליעבּעס ווערן,
און קאָפּיינעס — פּיל די גאַסען, —
וואָלטען קלי:נערס נאָר געוועזען!

קלינגערס אין די פּוסטע טאַשען,
וואָלט איך אַלץ געקענט געניסען!
אָח צו זעהן עס נאָר מיט ד'אויגען,
ווערט מיין האַרץ צופּלאַצט, צוריסען!

כ'וועל צוריק אַהיים ענטלויפען,
וואו די קליינע שטיבליך שטעהען,
וואו די ווייבליך טראָגען היבליך,
און די קינדער באָרוועס געהען.

כ'וועל צוריק אַהיים ענטלויפען,
וואו עס פאַשען זיך די ציעגען;
וואו דעם שענסטען, גרעסטען רעטאך
קען מען פּאַר אַ גראָשען קריגען;

כ'וועל צוריק אַ היים ענטלויפען,
וואו עס קלאַפּען ניט קיין רעדער;
וואו פון הייזעל ביז צום קלייזעל,
געהט צו פוס פאַמעליך יעדער.

ויי געזונד, דו שטאָדט, דו טייוועל,
זאָל קיין גוטער דיך ניט קאָנען, —
כ'וועל צוריק אַהיים ענטלויפען
און מיט טרערען דיך דערמאָנען.

אויף א קבר.

קיינעם וועט זיין טויט נישט רירהרען,
קיינער וועט זיין טויט נישט שפּירען;
שטיל וועט מען אַוועק איהם פיהרען
אויפן בית־הקברות פעלד.

שטיל וועט מען זיין אָרון טראָגען
און קיין שבחים וועט מען זאָגען,
קיינער וועט נישט וויינען, קלאָגען,
וואָס איין אָרעם־מענשעל פעהלט;

קיין מצבה און קיין זכר,
אַז געוועזען איז אַ היכער
און אַ דארער, און אַ בלייבער
אָרים מענשעל אויף דער וועלט...

און ווי לאַנג האָט ער געליטען!
און ווי לאַנג האָט ער געשטריטען!
אָ, ער האָט זיך דאך געראַנגעלט,
ווי דער גרעסטער העלד!..

צו אָרימע יונגעלעך.

שפּיעלט יונגעליך, שפּיעלט אײַך, פֿערגעסט אײַער נויט,
נאָר בעט בײַ די מאַמעס קײן שטיקעלע ברויט;
די מאַמעס זײַ האָבען אין שטוב דאָרט גענוג,
ווער ס'לאַטעט, ווער ס'וואַשט דאָרט, ווער ס'זיצט בײַ דער וויג.
שפּיעלט יונגעליך, שפּיעלט אײַך, אויף דרויסען איז פֿרײַ,
אָן — ועהט איהר, עס טראָגט זיך אַ פֿייגעל פֿערבײַ.

שפּיעלט יונגעליך, שפּיעלט אײַך, פֿערטשעפּעט נאָר ניט
דעם אַלטען רב בערען, וואָס געהט טריט בײַ טריט.
אָ, זעהט איהר זײַן בליק, ווי ער קוקט אַזוי טריעב,
דאָס שפּיעל אײַערס שטעכט איהם, ער האָט עס ניט ליעב.
דאָס לעבען דאָס האַרטע האָט האַרט איהם געמאַכט —
אָ, יונגעליך ליעבע, פֿאַר אײַך ניט געדאַכט!

שפּיעלט יונגעליך, שפּיעלט! נאָר אָהן טומעל, אָהן האַסט,
נאָר שפּיעלט אײַך אַזוי ווי פֿאַר אָרעמע פּאַסט!
און שפּיעלט איהר אין פֿערדליך, טאָ שמײַסט ניט דאָס פֿערד:
עס ווערט איהם אַ אמת'ער פֿערד זײַן בעשערט:
עס ווערט איהם דאָס לעבען נאָך נעמען אין שפּאַן,
אָ, שמײַסט איהם ניט קינדער, אָ, שוינט איהם ביז דאַן!...

מאַי־קאָ מַשְׁמָע־לן ?...

1.

מאַי קא משמע־לן דער רענען ?
וואָס׳זשע לאָזט ער מיר צו הערען ? —
זיינע טראָפּענס איף די שױבען
קױקלען זיך, ווי טריעבע טרעהרען.
און די שטיוועל איז צוריסען,
און עס ווערד אין נאַס אַ בלאָטע ;
באַלד וועט אויך דער ווינטער קומען —
כ׳האָב קיין וואַרעמע קאַפּאָטע...
. . . .

2.

מאי קא משמע לן דאָס ליכטעל ?
וואָס׳זשע לאָזט עס מיר צו הערען ?
ס׳קאַפּעט און עס טריעפּט איהר חלב
און ס׳וועט באַלד פון איהר נישט ווערען.
אזוי צאַנק איך דאָ אין קלייזעל,
ווי אַ ליכטעל, שוואַך און טינקעל,
ביז איך וועל אַזוי מיר איינגעהן
אין דער שטיל, אין מזרח־ווינקעל...
. . . .

3.

מאי קא משמע לן דער ווינער ?
וואָס׳זשע לאָזט ער מיר צו הערען,
מיט זיין נעלבען ציפּער־בלעטיל,
מיט זיין קלינגען, מיט זיין שווערען ?

ס'איז איין אָנגעשטעלטע כלי,
ס' האָט קיין לעבען, קיין נעפּיהלען,
קומט די שעה, דאָ מוז ער שלאָגען,
אָהן זיין רצון, אָהן זיין ווילען...

. . . .

4.

מאי קא משמע לן מיין לעבען ?
וואָס'זשע לאָזט עס מיר צו הערען ?
פוילען, וועלקען אין דער יוגענד,
פאַר דער צייט פערעלטערט ווערען,
עסען „טעג" און שלינגען טרערען
שלאָפען אויפ'ן פּויסט דעם האַרטען,
טוידטען דאָ די „עולם־הזה"
און אויף עולם הבא וואַרטען...

דער גמרא ניגון.

וואָכ׳זשע קלאָגסטו בײַ דער גמרא,
קלײנינק בלאַסער, קלײנינק ליעבער,
און דײַן װײנענדיגער ניגון
איז מײַן האַרצען נעהנט אַריבער;

און מײַן אױג איז פײַכט געװאָרען,
מיט אַ טרער איז עס פֿערלאָפֿען.
קלײנינק בלאַסער, קלײנינק ליעבער,
זאָג װאָס האָט מיט דיר געטראָפֿען?

צי דו בענקסט אַ הײם נאָך דײַנע
טאַטע, מאַמע, שװעסטער, ברידער,
װאָס אָהן זײ ביזטו געבליעבען,
װי אַ שיפֿעל אָהן אַ רידער.

אָדער אײפֿן טאַג בײַ לײב׳ען
ביזט אַ לאַנגע צײַט געזעסען,
ביז מען האָט געזאָגט: „נו בחור,
נעם די קװאָרט און װאַש זיך עסען״?

אָדער אפשר גלאַט דו שעמסט זיך
עסען ברויט אױף פֿרעמדע טישען
און מיט בלוט, מיט הײסע טרערען
שלינגסט אַראָפּ דו יעדער ביסען?

אָדער ס׳פֿעהלט דיר אױס אַ „מאָנטאָג״
און עס האָט דיר שױן געטראָפֿען

ניט איינמאָל זיך לעגען הונגעריג
אויף דער האַרטער באַנק און שלאָפֿען?

און דו האָסט זיך איצט דערמאָנט אַלץ
און דו קענסט עס ניט פֿערטראָגען,
און ביי רבא'ן, ביי רב פפא'ן
ווילסטו איצט דיין וועה אויסקלאָגען.

העביזשע העכער אויף דעם ניגון
שטאַרקער, העכער דרעה די טרעלען;
וועכט דיין בענקעניש פֿערגעסען
און דער הונגער וועט ניט קוועלען...

נאכט און קאַלט...

נאכט און קאַלט. דאָס קליינע שטיבעל
קוקט ווי אַ גרויסער קבר אויס,
און דאָס אָרימע געווינדעל
קען פֿון דאָרטען ניט אַרויס.

און די שויבען פֿון די פֿענסטער
קוקען אַזוי שטאַר און ווילדה,
ווי די אויגען פֿון געשטאָרב'נע — —
דרויסען שפּיעלט דער ווינד און שפּיעלט.

ס'שפּיעלט דער ווינד אַ מתים־נגון
הינטער שטיבעל אויף דער גאַס,
און די מתים אין דעם שטיבעל
האָרכען צו אָהן צער, אָהן כעס...

די פֿרוי.

אויף אַ שמאָלען הויפֿיל,
פֿול מיט מיסט און קויט,
שטעהט די שוואַרצע מטה,
און פֿערצעהלט פֿון טויט.

ווער עס נעהט פֿאָראיבער
שטעלט זיך פלוצים אָב,
און די הענד פֿערברעכט ער,
שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

און פֿון שטיבעל רייסט זיך
יאָמער און געשרעה,
ס'נעהמט אַ דורך די ווערלע
מיט אַ ווילדען וועה!

און די ווייבער — שכנה'ס —
קומען זיך צונויף,
און די קוואַלען טרערען
עפֿענען זיך אויף.

איינע וויינט און טענה'ט:
„זאָלסט אַ מליצה זיין
כ'האָב געוואוסט דיין לעבען —
פֿול מיט נויט און פיין.

פֿלעגנסט מיר אוים דערציילען
דיינע צרות פעק,
ווי עס איז דיין לעבען
טרויעריג אוועק;

ווי דו ביזט געוועזען
יונג אַ מאָל און שיין,
נאָר דו ביזט געוואַקסען
עלענד און אַליין,

וויל דיין ליעבע מוטער
איז געשטאָרבען יונג
און דיין בייזע מוהמע
מיט איהר גלאַטען צונג

פלעגט דיך זידלען שילטען,
שלאָגען אָפט מאָל איך;
פלעגסט עס שטיל פערטראָגען
ויינען, נאָר ניט הויך...

און ווי נאָכדעם האָסטו
חתונה געהאַט
און פערוועלקט געוואָרען,
ווי פון בוים אַ בלאַט:

פריהער פון דער שווינער
אין פון מאַן דערנאָך,
און פון אָרים לעבען,
און פון שווערען יאָך;

און פון „האָדעוואַניע":
מאָזלען, דיפטעריט...
און פון יונגע קברים —
(שטאַרקער גאָט, בעהיט!..)

פון דער שכנה'ס טענות,
פון איהר גלאַטען מויל

יאָמערען די ווייבער,
וויינען אויפ'ן קול...

אַח, די קלוגע שכנה
האָט זיי אוים געזאָגט
דאָס, וואָס טיעף אין האַרצען
יעדע פון זיי טראָגט...

און די טרערען פאַלען,
גיעסען זיך אַראָב
אויפ'ן קאַלטען קערפּער,
אויפ'ן טויטינס קאָפּ...

דער מענש.

נעדהט אריין אַנ׳אָרימאַן
מיעד און איינגעבו׳גען,
שטעלט זיך שטיל אוועק ביין שוועל
הייבט און וואַרפט די אויגען.

יעדעם מענשליכעם געפיהל
אין זיין אויג פערלאָשען,
און ער שטרעקט אוים שטום די האַנד
בעטעלט שטום א נראָשען.

ס׳איז דער מענש! די קרוין דער וועלט
ס׳העכסטע פון די בְּרִיוֹת! —
זעהט, ווי ניעדעריג ער איז,
ווי נעמיין, ווי מאום!

קליינע ווערים דאָרט אין דר׳ערד
זענען ועלבסט זיך שפּיוער,
און דער מענש, די קרוין, די קרוין,
בעטעלט אין די הייזער!...

ארימע מענשען.

אונזער שכל, אונזער חכמה,
אונ׳זערע קלוגע, שאַרפע ווערטער,
הערט מען נישט אין קיין געזעלשאַפט.
קלינגען נישט אין קיינע ערטער –

שטאַרבען אָב מיט אונז צוזאַמען,–
שטאַרבען אָב מיט אונז, קבצנים.–
קיינער ווייס פון אונזער שכל,
און מיר הייבען די נאַראָנים.

אונזער שיינקייט, גאָט׳ס מתנה,
מערקט נישט קיינער, זעהט נישט קיינער,
ביז עס עסט אונז אויף דער דלות
און מיר בלייבען הויט און ביינער.

און דעריבער, אַז מיר ריידען
לאָזען מיר אַראָב דאָס פנים,
און די ווערטער שטיל, געוואויגען,
ווי עס פאַסט פאַר אונז, קבצנים.

און דעריבער, אַז מיר שטאַרבען
מאַכט מען נישט קיין גרויסען וועזען,
ווי אַ רויך ווערט ניך פערשוואונדען,
ווי נאָר קיינמאָל נישט געוועזען...

אברהם רייזען.

צו א ברודער.

דער הימעל פֿערצאָרענט,
די ווינדען — זיי בלאָזען;
וואו ביזטו, מיין ברודער,
פֿערגעסען, פֿערלאָזען?

וואו ביזטו פֿערוואָרפֿען,
אין וואָס פֿאַר אַ שטעדטיל? —
ציי האָסטו אַ דירה,
ציי האָסטו אַ בעטיל?

איך זעה אויפֿ'ן הימעל
די וואָלקען ווי שוועבען —
און זעה איך זיי שוועבען
דאַן וויים איך דיין לעבען.

עס דרינגען די קלאַנגען
פֿון ווינד אין מיין אויער;
עס גיעסט זיך מיר, ברודער,
אין הארצען דיין טרויער...

ווינטער־ליעדער.

I

עס רוקט זיך דער ווינטער
אַריבער דער וועלט,
און שרעקט אָב דעם עולם
מיט ווינטען און קעלט.

און חיים דער סטאָליער
פאַר שרעק איז אויש ט'יט!
ער האָט אין דעם זומער
פ'על הייזער געבויט;

געמאַכט ווי אַ וואַרים,
געמאַכט ווי אַ פעסט,
עס זאָל צו זיי האָבען
קיין שליטה די פרעסט.

פערריכטען זיין הייזעל
האָט ער נאָר פערפעהלט,
אַריין זאָל ניט קומען
די ביטערע קעלט.

דאָס דעכעל אין לעכער
האָט ער ניט פערדעקט,
ער האָט ניט אפילו
די שפּאַלטען פערשטעקט!

אוי, אָרמער! דיין אַרבייט
האָט אַלעם בעהיט
פון גרויזאַמען ווינטער,
נאָר דיך אַליין — ניט!..

II.

און לייבעל דער שניידער
— אַ יודעל קיין גבר —
אָט ממש אַ לולב,
אַזוי איז ער דאַר!

און דאַרף ער אַרוים נעהן
אין מאַרק, צי אין גאַס,
פּיז־שעלט ער דאָם לעבען
איז ביין און אין כעס.

ער דאָט יט ערוואַרטעט
דעבן ווינטערם בעזוך,
עם פרעסט ווינע ליפּען
אַ ביטערער פלוך ...

נעאַרבייט האָט לייבע
ווי טאָג אַזוי נאַכט. —
און האָט דאָך קיין בגד
צום ווינטער נעמאַכט!

ער האָט פון נאָך פסח
ביז סוכות נעניידהט,
אין וואַרימע בגדים
פיעל מענשען בעקליידט.

נאָר זיך עפעס מאַכען,
ס'איז פשוט אַ שאַנד!
האָט ער ניט געקענט זיך:
פערקויפט איז זיין האַנד!

דאס געבעט.

עס הערט זיך דער דונער פֿון ווייטען,
עס בלענדט אין די אויגען דער בליץ; —
אָ, גאָט! האָב רחמנות, די אָרמע
פֿון בייזען געוויטער בעשיץ.

וואָס אַרבייטען יעצט אויף די פֿעלדער,
געפֿינען זיך ווייט פֿון דער היים
און האָבען קיין אָרט, וואו זיך שיצען,
קיין שייער, קיין דעכיל, קיין בוים!

וואָס וועגען אַצינד אונטערוועגס
די פֿורען מיט משא פֿערלייגט
און ווייט איז פֿאַר זיי נאָך אַ קרעטשמע,
און ווערען פֿון רעגען צעווייקט.

וואָס שטעהען אין מאַרק מיט די קוישען
מיט עפּיל, מיט גרינס און מיט ברויט —
און אַלע, וואָס זענען איצט דרויסען,
וואָס טרייבט זיי דער הונגער און נויט.

און אַלע, וואָס זענען פֿערוואָגעלט,
וואָס ד'ערד גיעט קיין ווינקעל זיי ניט, —
די אַלע פֿון בייזען געוויטער
בעשירמע זיי, גאָט, און בעהיט!

די אָרימע כלה.

עס שלאָפֿען אין קליינינקען שטיבעלע אַלע,
עס וואַכט נאָר די עלטערע טאָכטער—די כלה.
די חתונה דאַרף בײַ איהר זיין גאָר אין ניכען
און האָט נאָך נישט פֿאַרטיג געמאַכט איהרע ציכען.
עס לויפֿט דורכ׳ען לייוועגד די נאָדעל געשווינד,
געדאַנקען זיי יאָגען אין קאָפּ, ווי אַ ווינד:

ווי שווער איז דאָס בעטגעוואַנט מיר אָנגעקומען?
עס האָט מיר מיין רוה און מיין שלאָף צוגענומען;
די פֿעדערען גאַנצענע נעכט פֿלעג איך פֿליקען —
ווער ווייסט נאָך דאָס מזל, ווער וויים נאָך די גליקען?
געצאַפּט יעדעס קישען מיט שווייס און מיט בלוט,—
וועל איך אויף זיי קענען חאָטש ליגען בערוהט?

אָך, ווער איז מיין זווג? צי קען איך איהם גלויבען?
צי וועט ער דעם שלאָף בײַ דער נאַכט מיר ניט רויבען?
וועל איך ניט די קישען מיט טהרערען בענעצען
און אפשר אַ מאָל נאָר אויף ברויט זיי פֿערזעצען?—
פֿערזעצען, ווי ס׳טרעפֿט אָפֿט בײַ אונזערע לייט,
ווי ס׳טרעפֿט מיט מיין מאַמען אין ביטערער צייט?!

EDEM LIBRARY
TORONTO

אַלע אָבענד...

אַלע אָבענד קומט דאָס מיידעל
צום פֿאָנטאַן, וואָס שפּריצט מיט וואַסער;
זי בעגעגענט דאָרט אַ יונגלינג,
יעדער אָבענד ווערט ער בלאַסער.
„זאָג ווער ביזטו?" האָט זי טרויעריג
איהם אַ מאָל אַ פֿרעג געגעבען —
„דיין געבורטסאָרט וויל איך וויסען,
וואו דו האָסט פֿערבראַכט דיין לעבען?"
און ער האָט איהר שטיל געענטפֿערט:
כ'בין פֿון עלענד, נויט אַ זינגער;
מיין געבורטסאָרט איז די „ליטא",
וואו מען שטאַרבט אין גאַס פֿון הונגער...

א געזינד וואלבע אכט.

אַ נעזינד וואַלבע־אַכט,
און בעטען נאָר צוויי, —
און קומט אָן די נאַכט,
וואו שלאָפען דאַן זיי?

דריי מ׳ט׳ן טאַטען,
און דריי מיט דער מאַמען —
הענד׳ליך און פיס׳ליך,
נעפלאָכטען צו זאַמען.

און קומט אָן די נאַכט,
מען דאַרף זיך אויסבעטען,
דאַן העבט אָן די מוטער
דעם טויט אויף זיך בעטען.

זי מיינט מיט אַנ׳אמת, —
עס איז נישט קיין וואונדער:
אויך ענג איז אין קבר,
דאָך ליענט מען בעזונדער...

עס פוילט.

דראָבנע טראָפּען גיעסט דער רעגען
לאַנגע שטונדען נאָכאַנד;
מיט דעם קוישעל עפּעל, באַרנעס
זיצט די אָרמע ביי אַ וואַנד.

די בעטראַכט מיט אַנגסט און שרעקען
איהר פערמעגען און איהר גרוילט,
און מיט ציטערדיגע ליפּען
קלאָגט זי שטיל: עס פוילט, עס פוילט!

יעדער קונה, טראַכט די אָרמע,
טאַפּט די פּרי, קוועטשט און דריקט
און דערצו נאָך האָט די רעגען
אַזוי פריה נאָט אָנגעשיקט.

אַלע דריקען, אַלע קוועטשען:
נאָט און מענשען — ווי דאָס גרוילט!
און צוזאַמען מיט איהר סחורה
זיצט די אָרימע און פוילט...

כ'וויים א הויז.

כ'וויים אַ הויז – דאָרט פּייפּט דער דלות
און אין קוימען וויינט דער ווינד,
און עס שמאַכט און מאַנגעלט דאָרטען
ס'גרויסע, אָרימע געזינד.

שוואַרצע, פינסטערע געשטאַלטען –
אויף די באַקען נאָר אַ הויט;
און עס הערט זיך פון די קינדער
ביז אין הימעל קולות: ברויט!

און אַ שכּור איז דער טאַטע
פון די קינדער ער ענטלויפּט,
לעדיג געהט ער אין די גאַסען
און ער פרעסט נור און ער זויפט!

און עס זיצט די שוואַכע מאַמע,
אַ דערשלאָגענע, אָהן מוט,
און זי שרעקט די קינדער: שטילער!
ס'געהט דער טאַטע מיט דער רוט!

די יוגענד.

איך וועל נעהן מיין יוגענד זוכען,
ס'איז אַ שאָד די בעסטע יאָהרע
איך געדענק דאָך אַלע ערטער,
וואו איך האָב זיי אָנגעוואָרען.

כ'קום פֿערביי אַ קליינעם שטיבעל,
כ'האָב געלערענט דאָרט אין חדר
מיט אַ קאַנטשיק זיצט דער רבי –
ס'נעמט מיין וועלע דורך אַ שוידער;

מיט אַ קאַנטשיק זיצט דער רבי,
די תלמידים אין איין קלעמען, ———
קינדער־יאָהרען, שוואַרצע יאָהרען,
ניין, איך וועל אייך איצט ניט נעמען!...

נעה איך ווייטער זוכען, זוכען
מיינע יאָהרען וואָס פֿערפֿלויגען;
שטעהט אַ שטיבעלע אַ קליינעס,
איינגעהויקערט, איינגעבויגען,

און עס עפֿענט זיך אַ טיר'על
און עס בייזערט זיך און סקריפּעט,
טאַטע־מאַמע זיצט אין ווינקעל
און אַ קינד אין וויעגעל חליפּעט.

און אַ שוועסטער שילט אַ ברודער,
און פֿון לעמפּיל שפּאַרט אַ רויך, –
יאָהרען יונגע, יאָהרען שוואַרצע,
ניין, איך לאָז אייך איבער אויך!...

אין דער ארימער גאַס.

און וואו נאָר דו טהוסט זיך אַ קעהר,
אין דער אָרימער גאַס אַז דו געהסט.
דערזועהסט דו אַטרעהר נאָך אַטרעהר
און זוכסט פאַר דעם עלענד אַטרייסט.

און קוקסט דו זיך טיעפער אַרום,
דאַן זעהסט דו–מען פאַלט און מען פאַלט.
דאַן נעהמט דיך אַשווידער אַרום,
און אויפהויבען ווילסט דו זיי באַלד.

עס ברעכט דיר דיין האַרץ, דיין געמיט
זיי טהוען דיר אַלע זאָ וועה –
נאָר אויפהייבען קענסט דו זיי ניט,
דו פאַלסט נאָר צוזאַמען מיט זיי...

ווי קום איך?

ווי קום איך צו זינגען? פון וואַנען מיין קינד!
ביי אונז האָט אין קוימען געברומט נאָר דער ווינד;
די קינדער — זיי פלעגען נאָר זינגען: האַם—האַם!
און אָפטמאָל די מאַמע — אַ קללה צום גראַם.

ווי קום איך צו שיינהייט? פון וואַנען, מיין קינד!
דער וועג צו די פעלדער — דורך גויים און הינד...
די נאַם איז געוועזן אַזוי אָרים און וויסט
ביי איטליכער טיר נאָר — אַ בערגעלע מיסט...

 אברהם רייזען.

II.

בענגשאפט און פרייהייט.

* * *

איך זינג מיינע ליעדער אין דונקעלער נאַכט, —
עס האָט מיך אַ קראַפט א געהיימע ערוואַכט...
מען שלאָפט!.. און צו קאָפּענס ליעגט שמאַטעס אַ פּאַק.
דער זייגער קלאַפּט רוהיג טיק־טאַק און טיק־טאַק...
איך צייהל יעדע שטונדע פון זייגער, וואָס שלאָגט
און קוק אונגעדולדיג אין פענסטער, צי ס'טאָגט.
איך זעה די לבנה, דאָס געלע געזיכט,
„די טרויעריג לייכט זי, ווי קאַרג איז איהר ליכט'...
מיר דאַכט זיך זי ראָט מיר: געה לעג זיך און שלאָף
דעם קאָפּ אין דעם קישען און חלום אָהן סוף'...
דאָך ווייס איך, אז הינטער'ן פענסטער וואַלד
בעוועגט זיך די זון דאָרט, זי קומט אַהער באַלד

איך וואַרט.

איך וואַרט אויפֿ'ן ליכטיגען טאָג, וואָס וועט קומען,
מיט גאָלדענע שטראַהלען, מיט בליטהען און בלומען;
מיט פֿרישערע לופֿטען, און וועלכע ס'וועט קלינגען
די פֿריילּיכע ליעדער פֿון פֿאָלק, וואָס וועט זינגען;
די פֿריילּיכע ליעדער, זיי וועט ניט בעגלייטען
קיין זיפֿצען, קיין קרעכצען, קיין קלינגען פֿון קייטען...

די לופֿט איז מיר ענג...

די לופֿט איז מיר ענג אין מיין צימער
און פֿינסטער פֿון לעמפּעל דאָס ליכט.
און פֿינסטערע שאָטען בעפֿאַלען
און הילען אין שוואַרץ מיין געזיכט.
איך קוק אויף די ווענד פֿון מיין צימער —
עס בלאָנשזעט מיין בליק אויף זיי אום;
וואָס זעה איך? נור שפּינוועבס און שאָטען
און שטיל איז אַזוי אַלץ און שטום.
אוי, שאָטען און שפּינוועבס, ניט מעהרער.
און שטיל איז, עס הערט זיך קיין קלאַנג;
אין האַרצען נאָר פּאָכט עס און קלינגט מיר
אַ טרויעריג־געצויגען געזאַנג.
דאָס יאָמערט מיין זעעלע און קלאַגט זיך:
פֿערטראָגען קאָן זי שוין ניט מעהר!
זי רייסט זיך צו ליכט און צו פֿרייהייט
און דאַ — אַזוי דונקעל און שווער!...

וואס איך האף.

וואָס איך האָף און וואָס איך וויל
וועל איך אייך ניט זאָגען, —
איך וועל וואַרטען, וואַרטען שטיל
ביז ס'וועט נעמען טאָגען.

און דער ערשטער וונען־שטראַהל
וועט אייך שוין פערציידהלען,
וואָס איך האָב אין האַרצענם קוואַל
טיעף פון אייך פערהיילען.

און דאָס ערשטע פייגעל־ליעד
וועט אייך שוין פערקונדען,
וואָס איך האָב געוויינט ביז מיעד
אין די שוואַרצע שטונדען...

ווען איך זעה...

ווען איך זעה די ביימער בליהען,
און די פֿייגעל שוועבען, פֿליהען;
ווען פֿון הימעל, ווי אַ כלה,
שמייכעלט ליעב די זון פֿאַר אַלע, —
פֿרעג איך טרויריג, פֿול מיט קומער:
וואָס בעדייט עס — איז דען זומער?

*

ווען פֿערדאַרט איז בוים און צווייגעל,
פֿייגעל זעה איך נאָר אין שטייגעל;
ווען די זון ווערד גאַנץ פֿערשווינדען
און עס היילען בייזע ווינדען, —
פֿרעג איך ניט: וואָס זאָל׳ס בעדייטען? —
כ׳זוים די צייטען, כ׳קען די צייטען!...

אָ, ניכער משיח.

אָ, ניכער משיח, אָ ניכער שוין קום!
עס רינגעלט די גאַנצענע וועלט שוין אַרום,
ווי ניפּטינע שלאַנגען דער הונגער און נויט,
און הפקר און פּחד, און אַנגסטען און טויט.
עס וויל שוין ניט אַלעמען שפּייזען די ערד –
אָ, קום שוין, משיח, אויף'ן ווייסינקען פערד

*

אָ, קום שוין משיח! עס דריקט אומעטום
די קייטען פון קנעכטשאַפט אַרום און אַרום;
עס האָט שוין קיין אָרט דאָס אונשולדיגע בלוט,
וואָס שפּריצט און וואָס גיעסט זיך פון אונטער דער רוט.
עס ראָטעט פון מענשליכע בלוט שוין דער שווערד –
אָ, קום שוין, משיח, אויף'ן ווייסינקען פערד!...

וואס שטעהט אונז נאך פאר?

וואָס שטעהט אונז נאָך פאָר
אין עתיד אין ווייטען,
וואָס וועלען מיר זעהן
אין קומענדע צייטען?

צי וועט מען אַלץ הערען
די זיפצען און טרערען
פון אָרמען און שוואַכען?
צי וועט אַלץ פערטימלען
די ערד און די הימלען
פון רויבער דאָס לאַכען?

צי וועט נאָך אַלץ הערשען
דער ביקס און דער שווערד,
מיט מענשען־בלוט פעטער
צו מאַכען די ערד?

צי וועט נאָך אַלץ קלינגען
— פון קנעכטשאַפט די קייטען —
איין ברודער זאָל דיענען,
פערקויפט זיין דעם צווייטען?

וועט אַלץ נאָך זיך ציהען
פאַר אמת די שלאַכט? —
אָך, ווער וועט פאָרט זיענען —
דער טאָג, צי די נאַכט?...

צום פֿריהלינג.

קום שוין, ליעבער פֿריהלינג, קום,
דען עס שמאַכט דאָ יעדע בלום.
און די אָרמע, צאַרטע רויז,
שטעהט אָהן קנאָספּען, נאַקעט, בלויז.
אויך דער שטאַרקער איינענבוים
שטעהט פֿערמאַטערט אָטהעמט קוים.
און די פֿויגעל וואָגלען לאַנג
אין דער פֿרעמדער דאָרט, אָהן געזאַנג...

פֿייגעל! ווי כ'דערמאָן אָן זיי
טהוט דאָס האַרץ מיר אַזוי וועה...
ווי פֿעריאָגט, אומזיסט, אָהן זינד,
האָט דער בייזער ווינטער־ווינד,
און דער וואַלד איז וויסט און לעער —
נאָר אין נאָרע ברומט דער בער...
פֿריהלינג, פֿריהלינג, גיכער קום
און די פֿייגעל קעהר אונז אום!

פֿריהלינג, פֿריהלינג, קום געשווינד,
נאָר אָהן שטורעם, נאָר אָהן ווינד.
ס'האָט דער ווינטער יעדען זאַפֿט
אויסגעזויגען, יעדע קראַפֿט.
אוי, דער וואַלד איז קראַנק און מיד,
האָט שוין ניט קיין גאַנצען גליעד.
שטראַהלען, שטראַהלען ברענג איהם פֿיעל
הייל איהם, הייל איהם, אָבער שטיל...

צו מיין הארץ.

וואָס קלעמסטו מיין האַרץ, אָ דו קינדערשעס האַרץ,
ס'איז צייט שוין צו ווערען דיר קליגער;
דו לעבסט אין א צייט, ווען יעדער איז האַרט,
ס'פערוואַנדלען זיך פייגעל אין טיגער.

דו לעבסט אין אַ צייט יעצט פון אייזען און שטאָהל, —
אָ, הערסט דו דאָס רוישען, דאָס קלאַפּען? —
דאָס אָטהעמט די וועלט מיט איהר ריזיגער ברוסט,
ווי אַ גולן, וואָס וויל אַלץ פערהאַפּען!

דו לעבסט אין אַ צייט, ווען עס ווערען פערשטיקט
געפיהלען און לידער, און טהרערען;
ווען ס'הערשט נאָר דער האַרטער מעטאַל און ער דריקט,
גאָר דו ווילסט אַלץ האַרטער ניט ווערען...

און האסטו דיין זעעלע...

און האסטו דיין זעעלע דעם טייוועל פֿערקויפֿט
און פעק אַסיגנאַציעס גענומען, —
זיי רוהיג, מיין חבר, ניט שרעק זיך, דו וועסט
אַ זעעלע אַ צווייטע בעקומען.

זי וועט נאָך זיין שענער, געזינטער ווי פֿריה'ר,
זי וועט דיר נישט וועה טהון, ניט שמאַרצען,
און גוטס וועט זי טהון נאָר, און ריין וועט זי זיין,
עס וועט זי קיין פֿלעק ניט פֿערשוואַרצען.

און האָסטו דיין זעעלע דעם טייוועל פֿערנאַרט,
ער האָט דיר אַ מיטאָג געגעבען,
דאָ ביסטו פֿערלאָהרען, מיין אָרימער פֿריינד,
עס איז שוין צעבראָכען דיין לעבען.

דער טייוועל, ער האַלט ניט דיין זעעלע פֿיעל צייט —
ער וועט זי צוריק דיר אומקעהרען,
זי וועט אָבער פֿילען און וועלקען ביי דיר,
און שוואַרצער און שוואַרצער אַלץ ווערען...

כ׳וויל נעמען פון לעבען...

כ׳וויל נעמען פון לעבען
דאָס אַלץ, וואָס עס האָט:
זיין רוהם און זיין כבוד,
זיין שאַנד און זיין שפּאָט;
די ליידען פון טייפעל,
דעם נחת — פון גאָט!...

איך וויל עס זאָל ריהרען
בעשטענדיג מיין ברוסט
פון העכסטע געפיהלען,
ביז נידריגסטער לוסט!

ניט פרעג מיך קיין מיינונג,
אָ, נאַר, אויף דער וועלט!
וואו לעבען בעווענט זיך
אט דאָרט מיר געפעלט!...

אָח, לעבען, אָח לעבען,
ווי האָב איך דיך ליעב!
און אַלץ וואָס דו האָסט נאָר —
איך נעהם ביי דיר, גיעב!...

בוימער.

ווינטער זענען הייל די בוימער,
ווי פֿערשנייעט שטעהען זיי,
און דער קאַלטער פֿראָסט ער פרעסט זיי
און דער הימעל שיט מיט שניי.

און מיט קאַלטקייט פֿון אַ דענקער
טראַכטען זיי אין האַרץ דאַביי:
וואָס דער ווינטער איז אויך בייזער,
וועט אַלץ ליעבער זיין דער מאַי.

דער פֿרייער ים.

שטעל דעם לעבען ניט קיין כּללים,
ניט פֿערצאַם!
זאָל עס פֿריי און האַסטיג פֿליעסען,
ווי דער ים!

דו וועסט זאָגען: „ס'איז געפֿעהרליך" —
כּ'ווייס אַליין;
אָבער זעה! דאָס בילד ווי הערליך,
און ווי שיין!...

דער אדלער.

כ'האָב געזעהן דעם אָדלער
אין א שטורם פֿון אייזען,
וואו ער קען זיין פֿליהען
קיינמאָל ניט בעווייזען;

וואו די פֿליגעל ווינט,
ווען ער פֿריפֿט אויפֿהייבען,
שלאָגען זיי זיך אָב גלייך
אָן די גראַטעס אויבען...

און איך האָב געזעהן
איך זיין בליק דעם שאַרפֿען...
וואָס ער פֿלעגט דער נאָכדעם
פֿון דער שטייג מיר וואַרפֿען...

און איך האָב געלערענט,
וואָס הייסט פֿרייהייט זוכען,
דריקער צו פֿאַרדאַמען
און געפֿאַנגשאַפֿט פֿלוכען...

די צייט.

די צייט — זי איז אַן׳אַלטע פֿרוי,
אָהן שכל, אָהן פֿערשטאַנד,
זי זיצט זיך רוהיג אויפ׳ן שטוהל
און שטריקט אַ זאָק אין האַנד.

די מענשען, איהרע קינדערליך,
זיי שלאָגען זיך ביז בלוט, —
זי הערט עס ניט, איהר אַרט עס ניט:
זי זיצט און שטריקט בערוהט.

די מענשען, איהרע קינדערליך,
די שווערע נויט זיי דריקט —
זי שפּירט עס ניט, זי פֿיהלט עס ניט:
זי זיצט און שטריקט און שטריקט!

אָ, דומע פֿרוי, ביז וואַנן, ביז וואַנן?
עס האָט דאָך אַלץ אַ קץ!
זי ניט אַ נעניץ שלעפֿריג: האאַאַ? —
און שטריקט זיך אַלץ איהר זאָק...

די נייע סחורה.

כ׳האָב געבראַכט אַ סחורה
אויפ׳ן וועלט־יריד:
עכטע, ריינע ליעבע —
ס׳פינקעלט און עס גליהט!...

פאַר דער שעינער סחורה
בעט איך נישט קיין געלד,
כ׳וויל נאָר גליק און נחת
ברענגען אויף דער וועלט.

„נעמט אומזיסט די סחורה!"
רוף איך הויך און שטאַרק.
נאָר פון ווילדען לאַכען
הילכט דער גאַנצער מאַרק.

„אָ, דו נייער סוחר —
ביזט אונז שוין בעקענט!
נאָר דיין שענע סחורה
טראָגט נישט קיין פראָצענט.

אונזער גאַנצר האַנדעל
וועט פערגעהן, ווי ווינד —
קענסט ניט דעם יריד נאָך,
ביזט נאָך נאָר אַ קינד."

— „ניין איך בין קיין קינד נישט —
האַנדעל ווייס איך גוט: —
זיינע פונדאַמענטען:
פרעמדע שווייס און בלוט...״

אברהם רייזען.

די קירכענגלאָקען.

אַך, וואָס קלינגט איהר קירכען־גלאָקען!
הערט שוין אויף! גענוג געשראָקען
האָבען אייערע ווילדע טענער
אונזער אָרמע וועלט!

איהר דערמאָנט מיר יענע רוחות,
די קאַטוילישע מלוכות,
וועלכע האָבען עשאַפאָטען
הויכע אויפגעשטעלט;

אייערע טענער רופען הענקער
צו מערטירען יעדען דענקער,
יענעם קאָפּ אַראָב צו האַקען,
וועלכער בויגט זיך ניט;

אָ, איהר ווילט די וועלט פערוויגען
מיט אַ שוואַרצען, טויטען ניגון
און פערדעקען מיט אַ מאַנטעל
פון אַ יעזואיט!

כ'האָב אַ נייעם גלאָק בעשאַפען,
צו ערוואַכען טויטע שקלאַפען —
ניט אין קירכען, — אין דער לופטען
הענג איך איהם ארויף;

ניט צו שרעקען, נאָר צו וועקען
נאָר די וועלט אין אַלע עקען,
קלינגט ער'מוטהיג, רופט ער פרעהליך:
שטעהט צו לעבען אויף!

איצט פֿערשטעה איך...

איצט פֿערשטעה איך, וואָס די פֿייגעל
זינגען אַזוי לוסטיג, פֿרעהליך:
אין דעם גרויסען וואַלד דעם גרינעם
לעבט זיך יעדער, ווי אַ מלך.

יעדעס גרעזעל, יעדעס בלימעל
איז פֿאַר אַלע פֿריי און אָפֿען,
און די וואָהנונגען בחנם –
אַלע האָבען וואו צו שלאָפֿען...

איצט פֿערשטעה איך, וואָס די פֿייגעל
זינגען, קלינגען – ליעב און ליעבער:
אַך, זיי זינגען, וואָס זיי ווילען,
קיינער, קיינער האַקט נישט איבער...

שטימען.

כ'בין אנ' עלענדער געבליעבען,
כ'האָב ניט וואו אַריינצוקומען.
אַלע מיינע פריינד די בעסטע,
אַלע האָט מען צוגענומען.

און איך פ'הל מיך פרעמד און עלענד,
און איך בלאָנקע אין די גאַסען,
צווישען מענשען, וועלכע טראָגען
זייער שווערען יאָך געלאַסען.

און איך בלאָנקע צווישען שפּיאָנען, —
כ'זעה, עס פינקלען זיי'רע אויגלאַך,
חי ביי יענער־הינד אין וואַלד דאָרט,
חען זיי זוכען פרייע פייגלאַך...

און מיר דאַכט זיך, אַז דער שכל,
אמת, פרייהייט און די ערדע
ליגען אַלע אין די טורמען
און געשמידט אין קייטען שווערע.

און פ'רצווייפעלט און פאַראומערט
לויף איך, ווי פון ווינד געטריבען,
ביז צום הויכען טורמע־מויער,
דאָרטען בין איך שטעהן געבליעבען.

און א וואונדער איז געשעהען,
פון מיין טרויער בלייבט קיין סימן;
דורך די ענגע אייזען־גראַטעס,
הער איך רופען שטאַרקע שטימען.

ווי צוניעסען אין דער לופט זיך
און ווי רופען און זיי וועקען:
זיי ניט עלענד, ליבער חבר,
זאָל דיין האַרץ אומזיסט ניט שרעקען;

אונז נאָר האָט מען אויף אַ ווילע
אין די טורמעס דאָ פאַרטריבען,
דאָך דער אמת און די פרייהייט
זענען דאָרטען פריי געבליעבען.

דו ניט זוך זיי אין די גאַסען,
דאָרטען וועט עס דיר ניט גליקען, —
זוך זיי אין די ענגע קעלער,
זוך זיי אין די פיעל פאַבריקען.

דאָרטען ליעגען די אַרמעען,
וואָס די פרייהייט האָט ערוואָרבען,
צו בעפרייען זי, די פרייהייט,
איז ניט שווער פאַר זיי קיין קרבן.

זיי נידרולדיג! נאָך אַ ווילע
נעהען די אַרמעען שטרייטען,
און אַ נייער פרייער הימעל
וועט זיך אויף דער וועלט פאַרשפרייטען.

דער סוד.

ווי עס שרעקען מיך געשטאַלטען,
וואו איך שטעה און וואו איך געה!
שרייען וואָלט איך נאָר מען טאָר ניט,
אוי, ווי ברענט דער שטומער וועה

ס'איז אַ סוד און ס'ווייסען אַלע
און עס שווייגען אלע שטיל;
איך ערלויב מיר נאָר אויסרופען:
אוי, קרבנות אַזוי פיעל!

נאָר ענטפלעקט דעם סוד ניט קיינעם
ווען איהר ווייזט זיך אויפ'ן גאַס,
לאָזט די שטיינער טרוקען ווערען,
זעהט, זיי זענען אַזוי נאַס!

זעהט, די ווייסע הויכע הייזער
שטעהען אַלע נאָך פערפלעקט — — —
ניט ענטפלעקט דעם סוד פאַר קיינעם,
עהדער איהר האָט אָנגעפרענט...

עפּיס הער איך...

עפּיס הער איך שטימען ברומען
אין דאָס ווייטע — נאָהנ׳טע לאַנד
רופט מען מיך אַהין צו קומען ? —
ס׳איז בעקאַנט און אונבעקאַנט...

עפּיס הער איך ווינדען ב״אָזען —
גלעטען ווי, צי טרייבען ווי ?
ואָל איך צו מיין לאַנד זיך לאָזען ?
עפּיס גלויבט זיך און ס׳טהוט וועה...

עפּיס הער איך פייגעל זינגען,
אז דער ווינטער האָט געעקט;
ואָל מיין ליעד אין חאָר אויך קלינגען ?
עפּיס ציהט און עפּיס שרעקט!...

אין ווינטער.

זאַט די פֿערד, דאָס שליטען — ניי
און דער וועג איז ברייט און פֿריי...
פֿוהרמאַן, פֿוהרמאַן, זאָלסט מיך טראָגען,
פֿרעגסט: וואוהין? איך קען ניט זאָגען...

כ'ווייס קיין ציעל און ווייס קיין וועג
אין די קורצע ווינטער טעג...
ביז איך וועל מיין וועג בעקלערען
קען דער שנעע צוגאַנגען ווערען...

וואו נעמט מען?

עס איז מיר געוואָרען שוין מאוס
אין גאַנצען די וועלט;
וואו נעמט מען אַביסל נביאות
ריין, נישט פערשטעלט?...

וואו נעמט מען אַביסל נביאות
אַזוי ווי אַמאָל;
דאָס וואָרט זאָל דאָרט פליעסען מיט חיות
און קלאָר ווי קריסטאָל.

דער נביא זאָל דאַמאָלס ניט טראַכטען
פון רוהם, פון זיין נוץ —
ער זאָל נאָר דאָס בייזעס פאַראַכטען
און וועקען צו גוטס;

ער זאָל אין די הערצער נאָר צינדען
דעם געטליכען פלאַם,
ווי רויך זאָל פון דאָרטען פאַרשווינדען
דער טייוולישער סם!

וואו נעמט מען אַ נביא פון אויבען
אַ הער־צו געשיקט,
ער זאָל אונז אַביסעל דערהייבען —
מען ווערד דאָך דערשטיקט!...

XI.

דאם שליחות.

דער ווירטה פון גרויסען מאנופאקטור מאגאזין, רייכמאן, א דוי־כער דיקער יוד, איז געשטאנען ביי דער קאסע און האט מיט גרויסער כונה געציילט געלד; אז ער איז מיט'ן ציילען פערטיג געווארען, האט ער געווארפען זיינע בליקען איבער'ן מאגאזין, ווי ער וואלט עמי־צען געזוכט, און האט ענדליך א געשריי געגעבען:

— יוסף!

עס איז גלייך אונטער געשפרונגען א יונג־בחור'יל פון א יאהר אכטצעהן־ניינצעהן האט זיך אוועק געשטעלט קעגען פרינציפאל און קוקענדיג איהם טיעף אין די אויגען אריין, האט ער ערווארטעט זיין בעפעהל.

— אט דא האסטו פינף הונדערט רובעל; נעם און טראג עס אוועק גרינפעלד'ן; ווייסט וואו?

— איך ווייס... גרינפעלד! איך ווייס. ראג דלונא 17, כחיים, גרינפעלד... פון קליידער... בווייס!...

נאכ'ן ענטפער פון יונגען בחור, האט דער העך רייכמאנן פער־שטאנען, אז ער איז איבערראשט פון אזא שליחות. ער האט שטאלץ געשמייכעלט און געזאגט:

— שוין טראג עס אהעק, נור ענטלויף דער מיט נישט קיין אמעריקא! א קשיא אויף היינטיגע יונגאטשעס...

— איך וועל אין אמעריקא נישט לויפען, וואס פעהלט מיר ביי אייך?...

איבערעדענדיג מיט'ן פרינציפאל אזא לאנגע פראזע, וואס איז נישט שייך צום געשעפט, האט זיך יוסף'ן געדאכט נישט דרך־ארץ, און ער האט דאריבער, פערשעמט ווערענדיג, זיך ארויס גערוקט פון מאגאזין.

דאס געלד האט ער אריין געלעגט אין בוזעם־טאש, די הויזען־טאשען האט ער נישט געטרויט אזא פקדון און אפילו אין דער זי־

בערער טאַש האָט ער אַלע ווייַלע געקוקט די האַנד זעהן, צו עס ליעגט, און עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי ער קראַצט זיך.

„מען געטרויענט מיר פֿינף הונדערט רובעל"! אָט דאָס איז געווען דער אַקס, אויף וועלכען עס האָבען זיך געדרעהט יוסף'ס געדאַנקען, טראָגענדיג דאָס געלד.

ער האָט אין זיין לעבען „געלד־שמחות" אַ סך געהאַט איין שמחה ווען נאָכ'ן דריי־יאָהריגען אומזיסטען טערמין האָט ער אָנגעהויבען צו נעמען געלד — צעהן רובעל אַ מאָנאַט; ווייטער האָט ער אַמאָל געהענדיג צעהן גולדען געפֿונען; הייַנטיגען ווינטער, חנוכה האָט ער מיט אַ חברה „האַנדעלס־אַנגעשטעלטע" אין קאָרטען געשפיעלט און האָט געוואונען אַכט גולדען, אָבער יעצטיגע שמחה, נישט קוקענדיג, וואָס דאָס געלד איז פֿרעמדס, איז די גרעסטע ביי איהם. ער האָט יעצט דערפֿיהלט אין זיך אַזאַ קראַפֿט, וואָס ער האָט קיינמאָל, קיינמאָל נישט געשפּירט און אויף פֿיעל אָרעמע פֿערבייגעהענדע האָט ער געקוקט, ווי אויף קליינע ווערים: „אויך מיר נפשות! פֿינף הונדערט רובעל"!...

„איצטער קען איך ערשט אָנהייבען וואַקסען"! האָט זיך צווישען זיינע געדאַנקען אַ נייער אַריין געדרעהט — איך בין שוין אַ מענש ווער ווייס? אפשר וויל „ער" מיר מאַכען פֿאַר'ן עלטסטען אַנגעשטעלטען"!...

ער וועט דאָס, קומענדיג ביי'ן נאַכט פֿון געשעפֿט, דערצעהלען זיין חבר חיים'ן — זאָל ער וויסען! ער בעטראַכט זיך אָבער, אַז חיים וועט איהם נישט גלויבען. איהם מאָהלט זיך שוין פֿאַר די אויגען, ווי חיים שמייכעלט איראָניש און זאָגט: אפשר גאָר אַ מיליאָן העסטו זאָגען?...

און עס כאַפּט איהם אָן אַ ווילדער פֿערלאַנג שוין אַריין לויפֿען אויף אַ מינוט צו חיים'ן און וויַיזען איהם — זאָל ער זעהן!...

חיים, יוסף'ס חבר, זיצט שוין צוויי מאָנאַטען אָהן אַ שטעלע, זיין ווירטה האָט באַנקראָטירט.

— „חיים"! — גיט יוסף אַ געשריי, אַריינלויפֿענדיג אויף זיין קוואַרטיר — ביזט דאָ?

— וואָס איז? פֿרעגט חיים מיט אַ שוואַכען, טרויריגען קול — האָסט פֿאַר מיר אפשר אַ שטעלע?

— ניין! האַקט יוסף אָב, איך האָב אַזוי זיך געוואָלט ריך תּהון, פרעגען וואָס דו מאַכסט . . .

— עט, וואָס זאָל איך, ברודער, מאַכען? נישטאָ קיין גראָשען ביי לייב און העל, איך ווייס גאָר נישט וואָס וועט זיין דער סוף, כאָטש לעג זיך און שטאַרב!

יוסף קוקט אויף חיים'ן און קען נישט עפענען דאָס מויל צו דערצעהלען איהם דאָס פריילינע נייעס, און ער בעשליעסט זיך שוין אַרויס צו געהן און נישט בערימען זיך, נאָר חיים שטעלט איהם אָב:

— ברודער לעבען! האָסט אפשר אַ זעקסערל ביי זיך... אויף פאַפּיראָסען... איך שטאַרב רויכערן...

— אַ גראָשען נישט... ענטפערט יוסף — אַ גראָשען נישט!...

— זאָגסט נישט קיין ליגען?

— זאָל איך דאָס, ברודער־לעבען, פערקרענקען, וואָס איך האָב ביי זיך... שווערט יוסף מיט האַרץ.

און אַרויסלויפענדיג פון הייבען איז יוסף אומעטיג געוואָרען...

אינהאלט.

I.

אונזער היים.

זייטע.

דער עיבור	1
די רידהרענדע דרשה	7
דער בוים	13
יאזעפ אין דער יודישער נאס	22
ספרים	32
פערלארען דעם קול	37
ווייבערשער שרעק	47
אויף מבינות	56
דער קיס	62
דער גמילות־חסד	70
דער אלטער משכיל	78
ביי'ן דאוונען	83
שכר לימוד	88
די גרויסע סוכה	98
ארימע מצה	105
די צוויי ברידערליך	114
דער אריסטאקראט	122
דער גבור	126
אין סאָד	129
זאל שטעהן	135
אין קריעג	139
פערשפעקטיוו	147

II.

אין שטאָדט.

דער ליגען 157
אין א זומערמאנטעל 162
די קאלטע האנד 167
פערמשכנט זיך 172
דער בוכהאלטער 181
די כאפקע 185
דער מאדנער 190
די ברידער 194
שטילע טרים 200
די ציגיינערין 206
די טאכטער 212
אהן ליעבע 215
דער באיקאטירטער 219
חברים 224
מיין מאמע 231
פלאמעם 235
אין גאס 241
דער קארעקטאר 244
דער פ. פ. ס. ניק 249
אנזיכטס קארטען 254
אהיים 258
דער לעהרער 262
מען קויפט ניט 271
דער ושילעט 275
די נייע שאלה 282

III.

קליינע בילדער.

נעבליעבען אליין 203
ניט קיין יוד 294

אין א יוריש נעוועלב 296
דער פאלשער טאן . . . . —
רחמנות 298
הנאה געהאט 300
געשלאסען א געשעפט 302
אלע טאג 305
דרעמאלער 307
דער סטאטיסטיקער 309
דאם שליחות 313

צו די פֿייגעל.

פֿרייליך זינגען אַלע פֿייגלעך
אין דעם גרינעם וואַלד און זאָנגען:
„מענשעלע! קום צו אונז פֿערברענגען,
חעסט פֿערגעסען דיינע קלאָגען!

רוהע זיך א׳ביסע׳ל אונטער שאָטען,
פֿון די צווייגענדיגע בוימער!
פֿריי איז אונזער וואַלד פֿאַר יעדען —
קיין געוועלטיגער, קיין שומר!"

— אָה, ווי נאַריש זענט איהר, פֿייגלעך:
וואָלט איהר קענען עפּעס לעזען,
וואָלטען דאַמאָלס איירע ליעדער
אַזוי פֿרייליך ניט געוועזען!

איהר וואָלט לעזען די „פּאַפּיערען",
וואָס בעשטעטיגט האָט נאַטאַריעס:
אָבגעקויפט די בוימער אַלע
האָט דער סוחר בערע חאַריעס.

וואָלט איהר וויסען פֿון דער מכירה,
אנדרע ליעדער וואָלט איהר קנאַקען!..
ווייסט איהר פֿייגלעך, אוי, נאָך שבת
חויבט ער אָן דעם וואַלד צו האַקען!..

ערליכע ארבייט.

„ערליכע אַרבייט, ערליכע מיה׳ –
לענען זיך שפּעט און אויפשטעהן פאַר פריה,
אַרבייטען פיערצעהן און לעבען – קיין שעה –
וואו איז די ברכה, פרעג איך אַייך, דאָ?
„ערליכע אַרבייט וואָהל איז צו דיר!״ –
וואו איז די וואָהלקייט? ענטפערט פאָרט מיר!

ערליכע אַרבייט, ערליכע מיה:
צוועקעליך קלאַפּ, די נאָדעלע ציה;
מויער ווי הייזער, קריך אויפ׳ן דאַך,
אין דר׳ערד גראָב קוילען, ניט קוק אויף קיין װאַך,
שטעל אין סכּנה דיין לעבען, דיין בלוט –
עס וועט דיר שוין וואהל זיין, עס וועט דיר זיין גוט!...

די וואַנד.

די אויגען — פֿול־צאָרען, פֿערנאָסען מיט בלוט,
די הערצער — ווי שלאָגען מיט קראַמפּט און מיט מוט —
מיר שטעה׳ן ביי אַ הויכער, געמויערטער וואַנד, —
מיט העק און מיט האַמערס, און אײַזענס אין האַנד —
מיר ברעכען די וואַנד!

די וואַנד איז געמויערט נאָר פֿעסט און נאָר דיק,
פֿערצוימט אונז די וועגען צום לעבען, צום גליק;
פֿערשטעלט אונז די ליכטיגע זון און די מאַכט
פֿון פֿריילִיכען טאָג אונז אַ פֿינסטערע נאַכט —
מיר ברעכען די וואַנד!

און פֿאַלט פֿון דער שטיינערנער וואַנד ווען אַראָפּ
אַ שטיין, צו אַ ציעגעל, טרעפֿט װעמען אין קאָפּ, —
די איבריגע בלייבען דאָך שטעה׳ן נאָר אָהן שרעק
און אַרבייטען ווייטער, מען לויפֿט נישט אַוועק —
מיר ברעכען די וואַנד

די אַרבייט דאַרף דויערן, די אַרבייט איז שווער —
פֿערזאַמעלט זיך ברידער, קומט אַלע אַ הער
זאָל יעדערער צוליינען פֿעסטער זיין האַנד,
מיר וועלען די הויכע, די פֿינסטערע וואַנד
צוברעכען, צוברעכען!...

מיך ציהט.

מיך ציהט אהין,
וואו ד'ערד איז גרין, —
דער הימעל בלוי,
ווי פערל דער טהוי,
וואו ס'איז אייביג מאי;

וואו עס לעבען
און עס שוועבען,
אַלע פייגעל פראַנק און פריי.

מיך ציהט, מיך ציהט,
מיין וועלע פליהט;
אָ, נעהם מיך מיט,
דאָ לאָז מיך ניט —
אָח, דאָס לעבען איז דאָ ענג...

דאָ איז טרויריג,
דאָ איז שוויריג,
און עס ציהט מיך, און איך בענג!...

די פֿריהלינגס־זון.

די פֿריהלינג־זון קוקט אין מיין פֿענסטער
אַריין, און זי לאַכט;
וואָס ביזטו אַ, נאַרישער מענש,
פֿערטרויערט, פֿערטראַכט?

איך האָב אויך געליטען ווי דו;
עס האָבען פֿערשטעלט
די וואָלקען די גראָהע פֿון ווינטער
מיין ליכט פֿאַר דער וועלט.

דאָך ווענען ווי מעהר ניט ווי וואָלקען —
זיי שווינדען ווי רויך,
און איך בין געבליבען אַ זון,
און לייכט פֿון דער הויך!

אָפּטמאָל...

אָפּטמאָל וויל איך האָפֿען, גלויבען,
אַז ניט אַלץ איז נאָך צערונען;
שײַנען וועט די זון נאָך אויבען
און אויך אונטען וועט דאָ גרינען.

אָפּט מאָל דאַכט מיר, אַז מײַן גוטע
וועט נאָך ווען אין טהיר מיר קלאַפּען,
און אַ רגע אַ בערוהיגטע
וועל איך נאָך פֿון לעבען חאַפּען.

אָפּטמאָל חלומ'ט מיר אַ חלום,
אַז ניט אַלץ איז נאָך פֿערפֿלויגען:
קומען וועט אויף הי'ערד דער שלום
מיט די מילדע גוטע אויגען.

אָפּט מאָל טרוימט מיר, אַז געקומען
איז משיח שטיל צו רײַטען,
און די ערד איז דורך אין בלומען,
און עס זינגט אין אַלע זײַטען...

דאָס נייע ליעד.

און זאָל ווי חייט
נאָך זיין די צייט
פֿון ליעבע און פֿון שלום.

דאָך קומען וועט,
צי פֿריה, צי שפּעט
די צייט — עס איז קיין חלום!

איך הער דאָס ליעד,
פֿון ליעבע, פֿריעד,
די מעכטיגע געזאַנגען

און יעדער טאָן
פֿון ליעד זאָגט אָן:
די זון איז אויפֿגעגאַנגען.

עס עקט די נאַכט,
די וועלט ערוואַכט
פֿיל האָפֿנונג, לוסט און שטרעבען.

דו הערסט — אין לופֿט
אַ שטימע רופֿט:
צו מוט און קראַפֿט, און לעבען!...

עס דונערט, עס בליצט...

עס דונערט, עס בליצט,
נאָר דאָרט אין דער הויך;
אַך, דאָ אויף דער ערד,
איז אַלץ אַזוי בלייך.

דאָרט קומט פֿאָר אַ כאַמפּף,
א קאַמפּף פֿיר׳ אַ זיעג:
ביי מיר אויף דער וואַנד
קוים זשוזשיעט א פֿליעג...

עס ציהט מיך צום קאַמפּף,
אַ קראַפֿט בין איך אויך;
נאָר ניט אויף דער ערד,
און ניט אין דער הויך.

אוי, וואו איז מיין אָרט,
דו גאָט מיינער, זאָג!
אין אומעט פֿערגעהט
אַ טאג נאָך א טאָג...

דער פּאעט.

ער פערהאַסט דער וועלט'ס געטימעל
און איהר מאַרק־געריידער;
נאָר פערמעגט דעם גרויסען הימעל
ער — די קליינע ליעדער.

ווילט זיך נאָר אַמאָל די טענער
פון זיין פידעל הערען,
ציערט ער אים דעם הימעל שענער
מיט די בלאַנקע שטערען.

דאַמאָלס שפּיעלט און קלינגט זיין פידעל,
יעדער טאָן צעגעהט זיך,
און דער הימעל הערט זיין ליעדעל,
און דער הימעל פרעהט זיך...

דער יונגער שטערן.

ניט פֿון מענשען וועל איך זינגען —
קיינער וויל שוין דאָס ניט הערען,
מענשען זענען אונז שוין נמאס —
זינגען וועל איך אייך פֿון שטערן.

פֿון די שיינע, קליינע שטערען,
וואָס זיי זענען אַזוי פֿיעל,
וואָס זיי קוקען אַזוי טרוימיש, —
הערט די מעשה מיט געפֿיהל.

פֿון די שיינע קליינע שטערען,
וואָס זיי זענען אַזוי גרוים,
וואָס זיי ווינקען אונז פֿון הימעל —
הערט פֿון זיי די מעשה אוים.

צווישען די שטערען מיליאָנען
וואָס פֿינקלען פֿון ווייטען, ווי גאָלד,
האָט זיך אַ שטערען אַ קליינעם
לעבען בעזונדער פֿעראָלט.

ער איז געווען צולאָזען,
אַ קונדס אַ גרויסער — פֿערשייט
האָט ניט געוואָלט זיך גלייך דרעהען,
געזוכט נאָר איין אַנדערע וועג!

די שטערען די אַלטע, די זקנים,
די זענען שוין פּראַקטיש און גרוי,

ווי לעהרנען און ווייזען א וועג איהם;
„דו דרעה זיך אזוי און אזוי!"

„אט דא איז דיין ארט און ניט ווייטער
דא דרעה זיך — אט דא איז דיין ראד,
און טאמער, א נעמסטו זיך אנדערש,
דאן קענסטו נאך אנטהון א שאד;"

עס הערט אוים דער שטערן דער קליינער
די אלטע — וואס זאל ער דען טהאן?
אין הארצען דאך שפאט ער און קלערט זיך:
וואס געהט מיר א שאדען נאר אן?!

צעקלאפט מעג איך ווערען אויף שטיקלעך
און אלץ, וואס ארום מיר דערביי,
און דרעהען זיך וועל איך דאך אנדערש,
איך וויים ניט קיין גרעניץ — כ'בין פריי!

און אין איינעם א פריה כארגען,
ווען די זון האט העל געלויכטען
און די גרויסע אלטע שטערן
האבען שירה איהר געזונגען,

און פערגאנגען אין התפעלות
פון די גרויסע זונען־פלאמען,
האט דער קליינער יונגער שטערן
ניט געפרובט דאס מויל צו עפנען.

און בעטראַכטענדיג די שטערען
ווי זיי דרעהען זיך אַזוי נאַריש,
האָט ער שמייכעלנדיג געמורמעלט:
„זייט געזונד איהר אַלטע נאַרען!

זייט געזונד איהר אַלטע נאַרען,
ס'איז מיר נמאָס שוין געוואָרען
אייער אייביג־לאַנגעם דרעהען
אָהן א זינען, אָהן א תכלית.

איך וועל זוכען אַנדרע וועגען,
אַנד'רע וועגען, אַנד'רע הימלען — —
זייט געזונד, איהר אַלטע נאַרען,
כ'וועל צו אייך שוין מעהר ניט קומען...״

און געשוואומען איז דער שטערען
אין דעם רוים דעם גרויסען לאַנג,
נייע וועגען צו געפינען
איז געווען זיין פערלאַנג.

און געדרעהט זיך האָט דער שטערען
און געשוואומען הין און הער,
דאָך, קיין נייעם האָט ער געפונען —
אומעטום נאָר וויסט און לעער...

און געשוואומען איז דער שטערען
איבער'ן גרויסען הימעל לאַנג,
צו א ברעג־צו ערגיץ קומען
איז געווען שוין זיין פערלאַנג.

און געפלויגען איז דער שטערען
און געדרעהט זיך נעכט און טעג,
ניט געקומען איז דער שטערן
צו קיין ברעג...

און פערבענגט האָט זיך דער שטערען
נאָך דעם אַלטען, אַלטען גליק,
נאָר ער האָט שוין ווייט פערבלאָנזשעט,
ניט געוואוסט דעם וועג צוריק!...

אין פֿעלד.

לאָמיר, מיין ליעבסטע, פֿערלאָזען די וועלט,
איהר נאַרישען טומעל און רויש, און געדידער;
דער פֿריהלינג איז דאָ — אַך איצטער אין פֿעלד,
ווי גוט איז צו שפּיעלען אין קושען, אין ליעדער!

דאָס איז דאָס העכסטע, דאָס פֿרעהליכסטע שפּיעל,
איך קען אין איהם קונצען די שענסטע בעווייזען,
אין שטאָדט איז ווי ענג און די מענשען — צופֿיעל,
און ס'פֿאַלען אַריין אין דעם שפּיעל אַסך גרייזען.

דאָ הערסטו אַ זיפֿץ, און דאָרט זעהסטו אַ טרער,
און דאָ גאָר אַ רשעות פֿון מענשען געמיינע;
אין שטאָדט איז צו קושען און האַלזען זיך שווער —
אין פֿעלד קום, מיין ליעבע, מיין גוטע, מיין שענע!

דער פֿויגעל איז ואָס און איז פֿרעהליך און פֿריי,
און זינגט זיינע ליעדער פֿון מיר גאָר נישט ערגער;
אָט דאָרט איז סיי קושען, סיי זינגען כּדאי
פֿאַר פֿויגעל און בוימער, און טאָלען און בערגער.

אין דער ווייט...

עס ווילט זיך מיר לאָזען
די שטאָדט און דעם מאַרק
און אָטהעמען פרייער,
און אָטהעמען שטאַרק!
און לאָזען די הייזער
מיט טויערן אַרום
און געהן, וואו ס'איז אָפען
און פריי אומעטום!

און געהן, וואו ס'איז אָפען
און ליכטיג און ריין,
און לאָזען די הייזער
פון ציגעל און שטיין!
און לאָזען די טויערן,
וואָס ווענען מיר ענג,
און געהן אין דער ווייט
אין דער ברייט, אין דער לענג!

און לאָזען די שטאָדט
מיט איהר שפראַך און איהר גאַנג
און הערען אין וועלדער
דאָס פייגעל־געזאַנג.
און הערען ווי ס'מורמעלט
מעלאָדיש דער קוואַל,
ווי ס'רופט אַזוי זאַנפטיג
אין לופט יעדער שאַל.

און לאָזען די חכמה
און וויסען אין שטאָדט,
אַך, זאָל זי זיך האַלטען
מיט דעם, וואָס זי האָט!
דער אָדלער און וואָלקען —
ער איז אַזוי קלוג,
איך וועל איהם און וועג דאָרט
בעגעג'נען גענוג!

ער וועט מיר אויסלערנען,
ווי לעבען מען דאַרף,
דער אָדלער איז קלוג
און זיין תּורה איז שאַרף!
זיין תּורה איז — פֿליהען,
וואָס העכער אָהן שיעור;
שוין לאַנג ברענט זיין תּורה
אין האַרצען ביי מיר.

בעל־הבּ׳תּישער מוסר.

די שע:סטע נעפּיהלען אין האַרצען בעהאַלט,
דיין פֿלאַמענדע בּרוסט קיהל זי אָב, מאַך זי קאַלט,
און אַלע פֿערלאַנגען פֿערגראָב אין פֿערשטיק,
און רייס אָב מיט געוואַלד פֿון די הימלען דיין בּליק.
צורוּה לאָז די מענשען אָהן גייסט, אָהן פֿערשטאַנד,
און קריעג זיך מיט קיינעם, ג׳עב יערען דיין האַנד;
און זוּך ניט אין לעבּען קיין ציעל און קיין בּרעג,
נאָר שלעפּ זיך אָהן קשיות דעם זומפּינען וועג, —
דאַן וועט מען דיך לויבּען: בּיסט קלוּג און בּיסט פֿיין
און — — — בּרויט וועסט דו האָבּען און הוּנגרינג ניט זיין...

* * *

און אַלע וואָס, רינגלען אַרום מיך
זיי זינגען מיר פֿרעמדע, איך געפֿין
איז וויערע פֿריינדשאַפֿט קיין ליעבע —
צי פֿיהלען זיי דען ווער איך בין!

איך טרייב זיי און וויל זיי אויסווייכען —
וואָס ווילט איהר, וואָס שטעהט איהר פֿאָרט צו?
אַח, לאזט מיך אַליין מיט מיין טרויער,
ניט רעדט מיט מיר, לאָזט מיך צו רוה!

צו איך האָט די נויט מיך פֿערטריעבען,
דאָך קען איך צו איך ניט זיין גלייך:
ווי קליין זענען איי׳רע פֿערלאַנגען,
ווי נאַריש עס לעבט זיך ביי איך!

איהר ווייסט ניט פֿון הימלען און זינגען,
דאָס גליק קאָנט איהר קריעגען אין קוויט;
און דאָס, וואָס עס הייסט ביי איך לעבען,
אַ נאַרען, ביי מיר הייסט עס טויט! —

שטערען.

ליכטיג איפ'ן הימעל
גלאַנצען אַלע שטערען –
אָ, די זענען וועלטען,
וויל מען אונז ערקלערען.

אָ, ווי זאָל איך גלויבען,
אַז די שטערען זענען
וועלטען? איז דען מעגליך
וועלטען זאָלען שיינען?

ניין! די וואָלטען אויסזעהן
פינסטער, שוואַרץ און טרויריג.
און דער בלאָהער הימעל
וואָלט געקוקט ווי שויריג.

און עס וואָלט פון דאָרטען
זיך געהערט אַ טימעל;
ניט קיין רעגען – גיעסען
וואַלט זיך בלוט פון הימעל....

אין וואַלד!

קום אין וואַלד, מיין ליעבּער פֿריינד,
וואו עס סודען זיך די בּלעטער;
וואו עס אָטהעמט פֿריי די בּרוּסט,
וואו ערקוויקענד איז דער וועטער.

קום, מיין פֿריינד! פֿון שטאָדט ענטלויף,
פֿון גערידער, פֿון געטימעל;
דאָרט אין וואַלד איז גרין די ערד,
גרין די ערד און בּלאָה דער הימעל.

קום אין וואַלד, מיין אָרמער פֿריינד,
וועסט פֿערגעסען אַנגסט און ליידען;
הערען וועסטו דאָרט קיין פֿאַלש:
נאָר פֿון נאָט די פֿיינעל רעדען.

קום מיין פֿריינד! דו בּיסט דאָך קראַנק:
מענשען האָבּען דיך דער־עסען;
דאָרטען וועסט דו זיי ניט זעהן,
און דו וועסט דיין וועה פֿערגעסען!

* * *

מיין האַרץ האָט מיט עהרליכען שטרעבען געשלאָגען, —
איך האָב ניט געהאַט דאָס אויף וואָס צו בעניצען;
בענייסטערטע ווערטער, אַז איך פֿלעג ווען זאָגען,
פֿאַרסמט פֿלעגען ווערען פֿון נאַרישע וויצען.

דאָס געטליכע פֿייער די וועלט צו בעלעהרען
האָט אימער געלויכטען, געברענט אין מיין האַרצען,
נאָר כ'האָב ניט געהאַט מיט איהם וואו זיך צו קעהרען,
ביז ס'האָט זיך פֿערוואַנדעלט אין רויך, אין אַ שוואַרצען.

יעצט בין איך געבליבען אַליין און פֿערלאָזען,
און נאַכט איז פֿון אונטען, און נאַכט איז פֿון אויבען;
און ווינדען, ווי לצים, זיי לאַכען און בלאָזען;
ט, וואו איז דיין פֿייער, דיין שטרעבעי, דיין גלויבען!?...

פאר געלד.

זיין הארץ האט געבענקט נאך א ביסעלע ליעבע,
עס איז איהם געוועזן אזוי קאלט;
עס האבען די טעג זיך, ווי וואלקען געצויגען
און האבען געהאט איין געשטאלט.

די זון האט געשאטען מיט ליכטיגע שטראהלען,
נאר איהם האט געווייזט יעדער טראהל,
עס האבען מיט פרישקייט געשלאגען די קוואלען,—
פערסמ'ט איז געוועזן זיין קוואל.

עס האבען די ביימער געבליהט און די בלומען,
און ער האט געשלאפען זיך איינזאם,—
װאָל איינער האטש קומען מיט ליעבע ענטקעגען,
װאָל איינער האטש געבען די האנד!

נישט איינער! פערביי איהם איז יעדער געגאנגען,
געשענקט האט איהם קיינער א בליק:
געוועזן איז יעדערער צופיעל פערטראגען
מיט איינענעם, נארישען גליק...

און ער האט מיט בליקען געבעטעלט די ליעבע —
עס האט איהם די קאלטקייט געקרענקט;
אומזיסט אבער! וואלט ער א גראשען געבעטען,
וואלט עמיצער אפשר געשענקט.

יא, וואלט ער א קופערנעם גראשען געבעטען,
דערויף איז א טאש ביי זיי דא,
דאך ליעבע פון הארצען — וואו װאָלען זיי נעמען?
דאס איז שוין ביי זיי לאנג ניטא!...

אין א גרויסער שטאדט.

איך קען מיר אין ערגעץ
קיין רוה נישט געפינען:
עס קלאַפּען די רעדער,
עס רוישען מאַשינען.

פון טויזענד פאַבריקען,
דער רויך און די פּארע,
פערשטעלען דעם הימעל,
פערציהען מיט חמארע.

איך הער נאָר א טומעל
פון האַנדלען, פון דינגען, —
וואו זאָל איך מיר ועטצען
מיין ליעד פאָר אייך זינגען?

מיין ליעד פון דער ליעבע,
פון רוה און נחמה,
וואָס ליעגט טיעף בעהאַלטען,
אין האַרץ אין נשמה!?...

* *

אין מיינ׳ אָדערן
האָט דאָס בלוט אַמאָל
שטורעמדיג געפּליעסט,
ווי די וואַל אין ים;

און געטריעבען מיך
צו דעם לעבענס־קאַמפּף,
צו דעם גרויסען פעלד,
וואו עס בליצט דער שווערד.

און איך האָב געקעמפּט,
און געשלאָגען זיך,
און געלאָזט מיין בלוט
אויף דעם ברייטען פעלד.

כ׳האָב זיך אומגעקערט,
פון דעם פעלד צוריק,
אַ דערשלאָגענער,
אַ פערמאַטערטער...

צום ווינד.

אוי, וואָס קענסטו זיך ניט שטילען,
ווילדער ווינד?
וועמעס זיפצען, וועמעס קרעכצען
טראָגסטו צינד?

צי די האָסט געזאַמעלט אַלע
זיפצען פון דער וועלט,
און דו ווילסט זיי טראָגען, ברענגען
ביז צו גאָט׳ס געצעלט?

און דו ווילסט איהם דאָרטען וועקען,
שטערען איהם זיין רוה,
נאָר די שוואַרצע, דיקע וואָלקען
לאָזען דיך נישט צו?

און עס ברענט דיין ווילדער צאָרען
פאַר וואָס האָט
פעסט פערשלאָסען זיך אין הימעל
אונזער גאָט?!...

א ווינטער־ליעד.

הוליעט, הוליעט בייזע ווינדען,
פריי בע׳ערשט די וועלט!
ברעכט די צווייגען, וואַפּט די בוימער,
טהוט וואָס איך געפעלט!

טרייבט די פייגעל פון די וועלדער
און פעריאָגט זיי פאָרט;
די וואָס קענען ווייט נישט פליהען, —
טוידט זיי אויפ׳ן אָרט

רייסט די לאָדען פון די הייזליך,
שויבען ברעכט אַרוים!
ברענט אַ ליכטעל ערגעץ רוהיג, —
לעשט מיט צאָרען אוים!

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינדען,
איצט איז אייער צייט!
לאַנג וועט דויערן דער ווינטער,
זומער איז נאָך ווייט!...



דער צוג.

איך וויין אַליין, די נאַכט איז שפּעט —
עס קלעמט דאָס האַרץ און דריקט מיר שווער;
אַרום איז שטיל, נאָר פון דער ווייט
פייפט אוים דער צוג — איך וויין און הער.

טרו — טרו — טרו — טרו! — ער רופט, ער רופט
סיין אַלט־בעקאַנטער, ליעבער צוג,
טרו — טרו — טרו — טרו! — וואָס ויצסטו דאָ,
וואָס ליידסטו דאָ? גענוג, גענוג!

טרו — טרו — טרו — טרו -- דו ביסט נאָך יונג,
דו ביסט נאָך יונג, געזונד און פריי!
וואָס זיצסטו דאָ און פוילער רוה? —
טרו — טרו!... קום, וואַנדער אויף דאָס ניי!...



מיין שיפּעלע.

ווי עס בּרויזען, ווי עס קאָכען
אויפ'ן ים די ווילדע וועלען ; —
אַח, וואו זאָל איך מיט מיין שיפּעל,
מיט מיין שיפּעלע זיך שטעלען ?

ווי די שטורם־ווינדען הײלען,
ווי זיי דראָהען, ווי זיי בּלאָזען ! —
אַח, ווי זאָל איך מיט מיין שיפּעל,
מיט מיין שיפּעלע זיך לאָזען ?

ווי די גרויסע שיפען לויפען,
ווי זיי פּייפען, ווי זיי בּרומען !
אַח, ווי זאָל איך מיט מיין שיפּעל,
מיט מיין שיפּעלע דאָ שווימען ?

און איך שטעה בּיים בּרעג געבּראָכען,
פול מיט וועהטאָג און פערלאַנגען,
און איך זעה די גרויסע שיפען
און דעם בּרייטען ים, דעם לאַנגען.

און איך זעה די גרויסע שיפען,
ווי זיי יאָגען, ווי זיי טרייבּען,
און בּיים זאַמדינג בּרעג און שטילען
מוז איך מיט מיין שיפּעל בּלייבּען...

מאוים איז די ערד...

מאים איז די ערד, מיין פריינד
און פערדעקט מיט ראָסט;
וואַכסט אַ מאָל אַ בלומעל אויס –
טוידט עס אָב דער פראָסט.

טרויריג איז די ערד, מיין פריינד,
ווי אין הערבסט דער וואַלד;
בלירט אַ מאָל אַ פויגעל דורך
שיעסט דער יעגער באַלד...

ווילט זיך נאָך...

ווילט זיך נאָך א שטיף טראָגן
גרינג און פֿריי און ברייט,
אַז דאָס האַרץ דאָס מידע
ווערן זאָל דערפֿרייט.

ווילט זיך נאָך א פֿאַל טראָגן
צו דעם לעבנס ברוסט
און זיך גליקלעך אויסזינגען
מיט דער לעצטער לוסט...

ווילט זיך נאָך א הויב טראָגן
ווייט און הויך די הענד
און אַריבער שפּרינגען
צוימען, מויערס, ווענד...

ווילט זיך נאָך דערגרייכען
פֿון א באַרג זיין שפּיץ
און דערנאָך – פֿאַרשווינדען,
ווי עס שווינדט א בליץ...

די פֿדעל.

ס'איז געווען אַמאָל אַ פֿיעדעל,
ס'האָט געברומט אַמאָל אַ ליעדעל;
ס'האָט געברומט מיט וועה און פּיין,
דאָך דאָס האַרץ דערקוויקט פֿלעגט זיין

אָנגעקומען נייע צייטען,
ליעדער פּאַסט זיך ניט פֿאַר לייטען,
ס'הערשט אַ שטורעמדיגע נאַכט,
און עס געהט אַ ווילדע שלאַכט,

און עס רופֿען די סיגנאַלען,
קוילען פֿליהען, מענשען פֿאַלען...
איצטער שפּיעלען איז אַ שאַנד,
און די פֿיעדעל פֿאַלט פֿון האַנד...

אויף א וועהונג.

(אין טורמע)

פֿריהלינג, זאָגט איהר, פֿריהלינג... האַ?
טאַקי? ווירקליך? אַי ווי שיין!
בלומען בליהען? פֿויגעל? האַ...
און דער טייך ער קען שוין געהן?...

און די זון? אַזוי... אַזוי...
און די וואַרעמקייט... און די גלעט...
און דער גאָרטען? אָפֿען שוין?
מען שפּאַצירט און אָבענד שפּעט...

פֿריילייך, ליכטיג... פֿריי — אַ יאָ?
פֿריהלינג! פֿריהלינג! אַי ווי גוט'
נו, דערצעהלט — געריסט, געריכט'...
באַלד איז אוים די פֿינף מינוט!

שטורם.

איך האָב ליעב די שוואַרצע חמאַרע
מיט איהר מראה,
מיט די שרעקען —
עס וועט דונערן און וועקען!

איך האָב ליעב דעם בייזען הימעל
מיט זיין ליאַרמען
אָהן ערבאַרמען,
מיט זיין דראָהען, מיט זיין טימעל!

מענען בליצען ווי די שלאַנגען
אַלץ פערצוקען, אַלץ דערלאַנגען:
האָב און גוטס און הויז און שייער,
מיט אַ קראַכענד־העלישע־פייער:
זאָל דער שטורם אויך מיין שטיבעל
חרוב מאַכען – קיין פאַראיבעל
דורך די פלאַמען קוקט אַרוים
ס׳ נייע, פרייע, העלע הויז!...

בּלאָנזשע!

טוּיזענד וועגען, טויזענד שטעגען,
נאָר דו זאָלסט בּיי קיינעם פרעגען;
נעה אַהין און נעה צוריק —
און אין בּלאָנזשען ליגט דאָס גליק!

בּלאָנזשען זאָלסטו טעג און יאָהרען,
דאָ אַ בּלום און דאָרט אַ דאָרן...
נעה אַליין און קיינעם פרעג — —
זעה ווי ס'ווינקט דער נייער וועג'...

אברהם רייזען.

III

פֿאָלקס־מאָטיווען.

די ארימע געווינערין.

ס'האָט אַ קינד געבוירען ערשט
ד'יונגע, אָר'מע מאַמע, —
האָט ניט ווער זאָל וויעגען עס,
האָט קיין דיענסט, קיין אַמע.

שרייט דאָס קליינע עופהלע,
לעבערט אַוש דעם מוח,
וויעגט עס קוים די אָרימע
מיט דעם לעצטען כח.

ס'קינד דאַרף האָבען וויקעליך, —
ס'איז ניט איהר פערמעגען,
רייסט זי העמדער איינגנע,
פאַר איהר ליעב־קינד'ס וועגען.

מ'דאַרף דאָס קינד היינט אויסבאָרען,—
קען זי זיך ניט קעהרען,
באָדט זי עס אין איינענע,
מוטער־ליבע טרעהרען.

אין קיך.

אויסגעטריקענט ווערט מיין הארץ
אין דער קיך, ביי'ם פייער,
און פאר ביינקשאפט מעהר נאך דעם,
וואס ער איז מיר טייער...

פייער ברענט א גאנצען טאג
אויף דער שווארצער פליטע,
קאך ווי איין געריכט און צוויי,
קאך ביי נאכט א דריטע.

איי, א ווינער עלף ביי נאכט
פלעגט מיין ליעבער קומען,
כ'האב איהם שטענדיג אויף טריי,
הארצליך איינגענומען.

כ'דאב מיין עלענד ניט געפיהלט,
און מיין צער פערגעסען,
ווען איך בין א שעה מיט איהם,
אדער צוויי געזעסען.

וואס איך האב גערעדט מיט איהם?
קען איך דען געדענקען?
ס'פאלט אנ'אומעט אויף מיין הארץ,
אין אנ'אנגסט און בענקען.

ס'האט מיין טייערע מאדאם
איהם פון מיר פערטריעבען.

איינע אויף דער גאַנצער וועלט
בין איך צינד געבליבען.

אוי, ווי פרום איז מיין מאַדאַם
וויל פון ביין פערהיטען,
און דערנאָך אַ גאַנצע וואָך
פלענט זי מוסר שיטען...

מוסר האָט זי פיעל און פיעל,
נאָר קיין וואָרט קיין ליעבען;
ער האָט יאָ ווי פיעל געהאַט,
האָט זי איהם פערטריעבען!...

הערבסט.

און ווי עס קומט דער אָוונט,
 דאָ ווער איך אָן מיין שטאָלץ;
עס פּרעגט דער ווינד מיך צאָרנינג:
 צי האָסטו, קבצן, האָלץ?

דער רעגען פּאַטשט אין פֿענסטער,
 און רוישט, און בייזוערט זיך:
איך מאַך אין גאַס אַ בלאָטע,
 צי האָסטו גאַנצע שיך?

פֿאַלט אריין אַנ׳ ארימאַן...

פֿאַלט אַריין אַנ׳ אָרימאַן
אין דער רייכער שטאָדט,
דאַכט זיך איהם, אַז יעדעם הויז
קוקט אויף איהם מיט שפּאָט.

דאַכט זיך איהם, אַז יעדער סלופּ,
יעדער שטיין אין ברוק
שרייט איהם: דרך־ארץ, לומפּ,
ווארפֿט אַ קרומען קוק.

דאַכט זיך איהם, אַז וואָס ער זעהט
קוקט אויף איהם מיט האַס, —
וואָלט ער פֿלוכען איפֿ׳ן קול,
שרעקט ער זיך אין גאַס...

פֿאַלט אַריין אַנ׳ אָרימאַן
אין דער רייכער שטאָדט,
פֿיהלט זיין צער קיין איינער ניט,
סיידען אויבען, גאָט...

דער חתן.

באַמבעלט זיך דאָס קייטעלע
פֿרעהליך אויף מיין ברוסט,
וועקט עס דאָרט און ריהרט עס דאָרט
האָפֿנונג, לעבען, לוסט...

צי עס איז אַ זילבערנע,
צי עס איז פֿון גאָלד, —
ס'האָט געשענקט די כלה מיר
און איך האָב זי האָלד!...

און אין טאַש דאָס וויינעריל
נעהמט עס פֿאַלש, צי טריי, —
וועלכע שעה מיין כלה וועקט,
ווייס איך סיי ווי סיי.

וועלכע שעה די כלה וועקט,
באָדען זיך אין גליק, —
ווייזט מיר אָן מיין איינען האַרץ
קלאַפּענדיג — טיק־טיק...

די מוטער צום קינד.

שלאָף נאָך, שלאָף נאָך ליעבּעם קינד—
דרויסען איז אַ פֿראָסט, אַ ווינד!
גאָט זאָל זיך דערבּארעמען,
גאָט זאָל אונז דערוואַרעמען.!

אָ, דער ווינטער שרעקט מיך, שרעקט—
ליעג, מיין קינד, נאָך איינגעדעקט —
שלאָף נאָך, אָרים פֿייגעלע,
עפֿען ניט דיין אייגעלע.

וועסט דערזעהן אַ קאַלטע וועלט—
דורך אין ווייסען אָבּגעמעלט.
האָלץ אין שטיבּ קיין שייטעלע
און קיין געלד אין בּייטעלע.

ניט געקאָכט און ניט געהייצט,
קעלט און הונגער דריקט און רייצט;
שלאָף מיין קינד, פֿערפֿראָהרענע,
אָרימע, פֿערלאָהרענע'...



פון דער דירה טרייבט מען..

פון דער דירה טרייבט מען, —
דרויסן איז אַ רעגן;
געוואָלד וואָס טוט מען הין זיך
הייב איך אָן צו טראַכטן.

ווער וועט פרעגן איך? ווי איז ווער?
איך קען נאָר נישט וויסן,
נאָר דעם קאַלטן רעגן
הער איך דרויסן גיסן.

און עס וועט ניט העלפן
קיין געבעט, קיין טרערן, —
ס'וועט דער קאַלטער רעגן
גיסן ניט אויפהערן.

יאָ, דער רעגן ווייס ניט
פון מיין שווערער לאַגע,
ס'איז זיין צייט געקומען
רינט ער — אָט דער „פּליאַגע"...

ס'איז אפילו נאָט דאָ
ניט אין גאַנצן שולדיג...
נו, פערפאַלן, האַלט זיך
און פערטראָג געדולדיג.

אָבער פון דער דירה
זאָל אַ מענש מיך טרייבן.

אוי, דאָ קען איך, ברידער,
רוהיג שוין ניט בלייבען.

אָ, דאַ ברענט מיין צאָרען
און איך קריך די צייהנער:
ווענט איהר, בעלי־בתים,
מענשען אָדער שטיינער?!...

מעדעם ביבליאטעק
MEDEM LIBRARY
TORONTO

אבשייד.

און אַז דו וועסט, מיין טייער־לעבּען, אַוועק פֿאָהרען
וועל איך נעהן צום באַהן דיך בעלייטען;
און אַז דו וואָלסט מיר באַלד ניט פֿאַרגעסען —
וועל איך שענקען דיר אַ קרענצעלע קוויטען.

און אַז עס וועלען אָנהויבען די קוויטען צו וועלקען,
ווי דו וועסט נאָר איין סטאַציע אָפּ־פֿאָהרען —
וואָלסט דו באַלד וויסען, אַז ביי מיר אויך
איז דיר גלייך פֿערוואַנעט געוואָרען...

אין קישען.

אין קישען בעהאַלט איך מיין פנים,
איך נרע זיך איין טיעף און וויין;
דער איינציגער פריינד אין מיין לעבען
איז מיר נאָר דאָס קישען אַליין.
געפליקט האָט די פעדערן איהרע
מיין שוועסטער ביז שפּעט אין דער נאַכט, —
געפליקט מיט אַ האַרץ אַ צופליקטען,
פון דחקות, פון הונגער פערשמאַכט.
וואו איז יעצט די שוועסטער פערוואָרפען,
וואו איז זי? ווער ווייסט וואָס זי מאַכט!
דאַרום איז מיר טהייער דאָס קישען,
פייכט מאַך איך עס שטענדיג ביי נאַכט!...

הבדלה.

שבת האָט מען גוט פֿערבראַכט
מיט פֿיעל פֿערגניגען,
און דער יוד הבדלה מאַכט
מיט אַ שטילען־ניגון.

עפּעס הערט זיך אין דעם ליעד
בענגשאַפֿט, אַנגסט און טרויער;
עפּעס ווערד נאָר באַלד דער יוד
פֿינסטערער און גראָהער.

וואָס־זשע איז מיט דיר דער מעהר
ליעדעלע, ערקלער מיר,
רופֿסט אַרויס פֿון אויג אַ טרער,
אויפֿ׳ן האַרץ ווערט שווער מיר.

— איך „הבדלה“, זאָג באַלד אָן:
ס׳קומט דער גוטער מאָרגען,
גרייט זיך יודעל, גרייט זיך אָן
יאָגען, שווינדלען, באָרגען.

טרייב אַרויס דעם „פּרינץ“ פֿון זיך —
דאַרפֿסט זיך שוין פֿערוואַנדלען
אין אַ „הונד“ — אַך, לויף זשע גיך
האַנדלען, האַנדלען, האַנדלען!

נאָר דער פּרינץ, ער יאָמערט שטיל:
כ׳וויל אין רוה נאָך ליעגען!
און דעריבער קלינגען פֿיעל
קרעכצען אין מיין ניגון...

אברהם רייזען.

די יונגע קרעמערין.

כ'גנעה פֿאָרבײַ די קראַמען,
קראָמען אַזױ פֿיעל,
„לעבעדיג בעגראָבען!"
קלאָנגט דאָס הארץ מיר שטיל.

זיצען אַלטע װײַבער —
קאַלט איז זײער בלוט,
און די אױגן זאָגן,
אַז אַזױ איז גוט.

אין אַ קרעמיל װעה איך
זיצט אַ יונגעס קינד, —
טױדטען אַזאַ לעבען —
דאָס איז שױן אַ זינד.

װעלקט דאָס פּנים איהרע
אָבגעלעבט און בלאַס,
נאָר די אױגען פֿינקלען,
רײסען זיך צום גאַס.

דאָרט אין גאַס איז ליכטיג
מענשען געהען פֿרײ,
און דאָס יונגע מײדעל
װעלקט דאָ אָב איהר מאַי.

אָבגעהאַקט פֿון לעבען,
אָבגעהאַקט פֿון אַלץ:

װעג־אָב אַ פֿונט הערינג,
מעסט אָב אַ פֿונט זאַלץ.

פֿון אַ װעקסער רעשטע
גיעב אַרױם געשװינד! — —
אױ, עס װײנט דאָס האַרץ מיר
אױף דיר אָרים־קינד...

אױ, מיר װאָלט זיך װעלען
צו דײן טאַטען געהן
בעטען, דיך בעפֿרײען —
װעט ער ניט פֿערשטעהן.

אױ, דײן קלוגער טאַטע
פֿרעהט זיך אין ער קװעלט:
איז מײן קינד אַ בריה —
אײנס גאָר אין דער װעלט...

IV.

לוּסט און ליעבע.

איך ווים פֿון א נינק,
ער קלינגט אזוי שיין;
די טענער ווי פֿליעבען,
ווי שטראָם־וואסער ריין.

די טענער ווי פֿליעסען,
און וואשען אראָב,
די ליידען פֿון הארצען,
די זאָרגען פֿון קאָפּ.

און גרינג ווערט דער וועלט,
זי פֿיהלט נישט קיין לאסט,—
דער נינק הייסט ליעבע,
נאָט האָט איהם פֿערפֿאסט.

איהם זינגען מלאכים
אין הימעלס געצעלט,
איהם זינגען פּאָעטען,
ביי אונז אויף דער וועלט.

אָ, מענשען! וואָס זייט איהר
פערזאָרגט און פֿערקלעהרט,—
צו האָט איהר דעם נינק
נאָך קיינמאָל געהערט?..

אומעטיג...

אומעטיג, קינד מיינס, צו לעבען אליין,
קענסט אפשר קומען צו מיר!
מיין צימער איז אָרים, מיין צימער איז קליין,
האָט א בעזונדערע טהיר, —
האָט א בעזונדערע טהיר,
נאָר קיינער, אוי, קלאָפּט ניט אין איהר...

אומעטיג, לעבען מיינס, אומעטיג, שווער,
און ווי נאָר דער אָבענד ער קומט,
דיך איך די אויגען צום טהיר, און איך הער:
דער ווינד אזוי טרויעריג ברומט, —
דער ווינד אזוי טרויעריג ברומט,
און ס'דאכט מיר, אַז עמיצער קומט...

* * *

כ'האָב דיך, קינד מיינס, ליעב אָהן שיעור,
טריי וועל איך דער ליעבע בלייבען,
און פון היינט אָן ייב איך אָן
וויכע ליעבע־ליעדער שרייבען.

האַרציג וועלען זיי דאָך זיין,
דרוקען וועט מען זיי אידאי.
פאַר דאָס געלד, אַ ליעבסטע מיין,
וועל איך קויפען שאָקאָלאַדע.

האָסט דאָך שאָ־אָלאַדע ליעב, —
וואָ כטו מיר נאָר אַזוי ליעבען,
וואָלט איך, פיעל געליעבטע מיין,
אַזוי עלענד ניט געבליעבען...

* *
*

וועך דאָס פייער פֿלאַקערט
איז צו זעהן שיין;
ווען דו ביזט אין בּעם
קרינסטו נאָך מעהר חן.

ווען דאָס פייער פֿלאַקערט
איז זיך גוט צו וואַרמען;
ווען דו ביזט אין בּעם
וויל איך דיך אומאַרמען.

* * *

דו האָסט מיר דיין בילד ניט געגעבן;
— פאַר לייטען האָט דיר ניט געפּאַסט;
דאָך האָב איך, מיין נחת, מיין לעבן,
דיין בילד אין מיין האַרץ איינגעפּאַסט.

ניט שרעק זיך, כזועל קיינעם ניט זאָגען,
און קיינער וועט וויסען דער פון:
דיין בילד נאָר אין האַרץ וועל איך טראָגען
פאַר שטערען, לבנה און זון...

אנהייב פריהלינג.

אַ ליכטיגער טאָג —
איך האָב איהם דערקאָנט;
איך האב מיך אין טרוים,
אין אַלטען דערמאָנט.

און עפּים אין קאָפּ
ווערד ליכטיג און ריין,
און עפּים אין האַרץ
ווערד וואַרים און שיין.

עס פרעגט מיך איין שטראַהל:
נעדענקסטו, געדענקסט?
אַ צווייטער שטראַהל פרעגט:
צו ביינגסטו, דו ביינגסט?

אַ דריטער שטראַהל פרעגט:
צו פיהלסט נאָך איהר גלעט?
און נאָך איינער פרעגט:
צי איז שוין ניט שפעט?...

אָ, שטראַהלען, לאָזט אָב —
געווען איז עס לאַנג!
אָ, שטראַהלען, ניט פרעגט —
עס טהוט אַזוי באַנג!...

*   *
*

ליעבע זון! אין ווינטער קום!
וומער מיט די פֿיעלע שטראַהלען
ביזטו מיר צו לאַסט געפֿאַלען,
און איך בלאָנושע מיד אַרום.

זון, אַ שטראַהל אין ווינטער שיק!
ווינטער איז דיין שטראַהל מיר נויטיג—
ערד און הימעל – קאַלט און קויטיג,
און אַיין שטראַהל איז שוין אַ גליק!

*

קינד! איך רוף דיך אין מיין צער;
ווען איך לעב אין פֿערגעניגען
האָב איך ניט קיין לוסט דיך קריעגען,
ניט איך וויל און ניט איך גאַר.

ליעבעס קינד! אין עלענד קום,
ווען אין האַרצען דריקט דער יאָמער
און אין מח קלאַפּט דער „טאָמער"—
נעם איך פֿעסט דיך, פֿעסט אַרום!...

* *
*

צו דיר קום איך, עלענדעס בוימעל,
געפינען אַ ביסעלע רוה;
אָ, ויי מיר אַ ווילדע אַ חבר,
איך בין אַזוי עלענד ווי דו.

ווי דו טראָג איך שטיל אין מיין הארצען
מיין טרויער, מיין ליד אין מיין וועה—
און האָב איך געהאַט וועלכע חברים,
האָב איך שוין פערגעסען אָן זיי.

און האָב איך געהאַט אַ געליעבטע,
האָט זי שוין פערגעסען אָן מיר;
אָ, עלענדעס, איינזאַמעס בוימעל,
אַ חבר געפין איך אין דיר!...

• •
•

מײַן געליעבטע איז אַ קלוגע
און זי זאָגט: עס איז אומגלויביג,
אַז דו זאָלסט, געליעבטער מײַנער,
ליעבען שטענדיג, ליעבען אײביג.

מײַן געליעבטע איז אַ קלוגע,
קליגער קען פֿון איהר נישט געבען:
זי פֿערזאָרגט זיך יעצט מיט קושען
אויף דעם גאַנצען קאַלטען לעבען...

אין די פֿינסטערע אלעען.

אין די פֿינסטערע אַלעען
איז אינטערעסאַנט:
דאָרטען ווערען יונגע קינדער
אין דער שטיל בּעקאַנט.

אין די פֿינסטערע אַלעען
איז אַ פֿרייע וועלט;
די נעדיכטע צווייגען האָבּען
חרפּה, שאַנד פֿערשטעלט.

פֿון דער צניעה, דער לבנה,
איז דאָס ליכט דאָ שוואַך,
און די יונגע צווייגען רוישען:
קוק נישט – נישט דיין זאַך...

אין די פֿינסטערע אַלעען
קאָכט דאָס יונגע בלוט,
און דאָס יונגעל מיט׳ן מיידעל
קריגען אַנדער מוט;

וואָס ס׳געלוּסטען יונגע הערצער
ווערד דאָ פֿריי גערעדט,
און מען האַלוט זיך און מען קושט זיך
בּיז עס ווערט גאָר שפּעט...

אין די פֿינסטערע אַלעען
ווערען לויז די שטריק,
און ס׳געניסען יונגע הערצער
פֿריי דאָס העכסטע גליק!...

* *
*

און וויסט איז אַ מאָל מיר מיין לעבען געוועזן,
מיין זעעל האָט אַנ'אַנגסט דורכגענומען;
דאָס האַרץ האָט געבעטען, גערופען אַ פריינד,
נאָר קיינער איז לאַנג נישט געקומען!

נאר איינמאָל ביזטו אין מיין צימער געוועזן,
און האָסט אין איהם ליעדער געזונגען,
און נאָך דיין אַוועק גאַנג, אָ ליעבסטע דו מיין,
האָבען לאַנג דיינע טענער געקלונגען.

און ווען איך בלייב יעצט אין מיין צימער אַליין,
געבראָכען פון טרויריגע צייטען,
דאַן הער איך אין צימער דיין זינגען נאָך אַלץ,
נאָר דו אָבער – דו ביזט פון ווייטען.

דאס נייע ליעבע ליעד.

– „וואָס וועלען מיר טהון אין די שפּעטערע טעג,
וואָס וועלען מיר טרינקען און עסען?"
– אָ, ליעבסטע, ניט פּלאָג מיט דיין פֿראַגע מיך איצט,
איך בעט דיך דו זאָלסט זי פֿערגעסען.

עס האָט מיר געזונגען מיין באָבע א ליעד,
דאָרט ווינט א געליעבטע און בעט:
„אוי, לאָמיר, מיין ליעבסטער, אנטלויפֿען פֿון דאַן, –
כ'וועל אַרבייטען, וואַשען האָטש גרעט!

אוי לאָמיר, מיין ליעבסטער, אנטלויפֿען פֿון דאַן;
גרינג וועל איך פֿערטראָגען מיין פּיין:
ביי טאָג אַרבייטען שווער, ביי נאַכט שלאָפֿען אויף שטרוי–
צו זאַמען מיט דיר נאָר צו זיין!"–

עס שמייכעלט מיין ליעבסטע: דיין ליעדעל איז אַלט,
די באָבע זי איז שוין לאַנג טויט,
און איך בין נאָך יונג, און איך ליעב, און איך זינג
א ליעד פֿון דער ליעבע און נויט!...

אברהם רייזען.

מיין געליעבטע.

האָט מיר מיין ליעבסטע אַ בריוועל געשריעבען,
שרייבט זי מיר דאָרטען: זי קען מיך ניט ליעבען ·
ערשטענס: מיר וועגען צוויי אַנדערע וועלטען;
וואָס איך וויל בענשען, דאָס וויל זי גאָר שעלטען;
און צווייטענס – עס טהוט איהר די זאַך אזוי באַנג:
זי האָט שוין אַ חתן, זי ליעבט איהם פֿון לאַנג...

זי האָט שוין אַ חתן... נו, זאָל זיין מיט מזל!
איך וויים דאָך פֿון לאַנג שוין, איך בין אַ שלים־מזל:
מיט מיר נאָר דאַרף טרעפֿען די אונגליקען אַלע:
געפֿין איך אַ מיידעל איז זי שוין אַ כלה...
מיך קרענקט נאָר: איהר חתן ווער איז ער, ווער וויים—
צי איז ער איהר טריי האָטש, צי ליעבט ער זי היים?

צו מיין ליעבסטער.

ליעבסטע! אויב דו האָסט מיך ליעב
נאָר פֿאַר מיינע ליינע ליעדער,
בין איך אויכעט ניט דערוויעדער —
כאָטש ליעב איך ביזן גרוב.

בעסער אָבער וואָלט איך ועלען
קוקען זאָלסטו מעהרער ניבטער:
כ'זאָל דיר, קינד מיינס, אויסער דיכטער,
אויך אַלס נוטער יונג געפֿעלען.

זינגען זינג איך יאָ ניט שלעכט,
אָבער בעסער פֿאַר מיין זינגען —
מיינע קוסען הילבען, קלינגען
אין די פֿריהלינג־שעהנע נעכט...

מינוטען.

עס איז אַבלויע זומער־נאַכט געוועזען,
איך בין מיט דיר אין גאָרטען שטיל געזעסען;
איך האָב אין דיינע אויגען פון מיין גליק געלעזען
און פון מיין אונגליק האָב איך דאַן פערגעסען...

דאָס זענען נאָר געוועזען מינוטען אין מיין לעבען —
איך האָב דיך, ליעבסטע, לאַנג, שוין לאַנג פערלאָרען;
מינוטען וועט דאָס לעבען מעהר שוין קיינמאָל געבען,
אך, וואָס׳זשע דאַרף איך זיינע לאַנגע, וויסטע יאָהרען?.

אין פֿריהלינג.

וואָס ביזטו פֿערטרויערט, פֿערטראַכט ?
דער פֿריהלינג — ער איז ־וין געקומען
און האָט אונז מתּנות געבראַכט:
אי שטראַהלען, אי בליו׳ונג, אי בלומען.

און מיידלעך שפּאַצירען אַרום ;
און בּרעננען פֿון ליעבּע געריסען ;
אָ, זיי נאַר, מיין חבר, ניט דום:
מען קען פֿון דער וועלט וואָס געניסען!..

װעה, דער הימעל...

װעה, דער הימ־ל אױסגעשטערענט,
און פֿער־צעהלט פֿון פֿרייד און גליק;
כ׳האָב זיין שפּראַכע אױסגעלערנט,
צייט איך האָב דערקענט דיין בליק.

צייט דיין בליק איז מיר פֿערלאָשען,
און פֿערשװאונדען, װי אַריך,
רעד איך נאָר אויף שטע־ען־לשון,
און איך רוף דיך פֿון דער הויך! —

די נאַיווע.

ווי קלוג איז מיין ליעבסטער,
פיעל זאַכען ער ווייס,
דערצו איז זיין קוש
אַזוי ברענענדיג, הייס;
איך וואָלט ניט געוואָלט,
נאָר ער האָט מיר דערקלערט:
א מלאך אין הימעל
פון יעדען קוש ווערט...

מיר זענען אין גאָרטען
געזעסען גאָר לאַנג,
פערדעקט צווישען צווייגען
ביינאַכט – אויף א באַנק.
ס'איז שפּעט שוין געוואָרען,
אַרום אַזוי שטיל – – –
אוי, מוז היינט אין הימעל
מלאכים זיין פיעל!...

*   *
*

ליעבעס קינד, איך האָב דיך ליעב.
דאָך איך קען ביי דיר נימ בלייבען;
כ'רוה ביי דיר אַ רגע אָב,
פרישע קרעפֿטען אָנצוקלויבען.

ווי דער וואַנדרער אין דער מדבר
בלייבט אַמאָל ביי'ן וואסער שטעהן,
טרינקט זיך אָן און ווערט דערמוטערט,
און ער לאָזט זיך ווייטער געהן.

יאָ, מיין קינד, איך בין אַ וואַנדרער
אין דעם לעבענס וויסטעניי;
כ'האָב געקושט דיך, בין דערמוטערט
און — איך וואַנדער אויף דאָס ניי!

* *
*

וואו איז אַלץ אַהינגעקומען,
וואָס געווען איז ליעב און טייער?
וועלכעס וואַסער האָט פֿערפֿלויצט עס,
אָנגעצינדען –– וועלכעס פֿייער?

טרערען האָבען אַלץ פֿערטרונקען,
טרערען אויף די שווערע וואונדען;
און דאָס רעשט, וואָס איז געבליעבען,
האָט די ליעבע שטיל געצונדען.

* *
*

האָסט מיין בלוט, ווי וויין געטרונקען
און עס איז דיר גוט געגאַנגען:
וואָס אַ טאָג ווערסט דו אַלץ שענער,
איך — אַלץ מעהרער אויסגעגאַנגען.

האָסט מיין בלוט, ווי וויין געטרונקען,
דאָך פֿערשטעה איך ניט דעם עיקר:
קענסט נאָך טרינקען, ביזט אַלץ ניכטער,
און איך בין פֿאַר ליעבע שכּור...

*

*

דיינע אויגען לייכטען, פינקלען,
ווען דו רעדסט פון נייע צייטען:
אַלֶע מענשען זאַט און גליקליך
ווען די אָרדנונג וועט זיך בייטען.

און איך גלויב אין דיין נביאות,
דאך אין אויג מיינס שטעהען טרערען:
ביי דער בעסטער אָרדנונג, ליעבסטע,
וועסטו אַלץ נישט מיר געהערען.

* *
*

נעליעבטע — ווי האָב איך אַסך
און אויסער ווי האָב איך אַ כלה,
דאָך קינד מיינס, פערלאָז מיך ניט דיָג
אָ, דיך האָב איך ליעבער פאַר אַלע...

דער הימעל האָט שטערען אַ סך
און האָט אַ לבנה אין מיטען,
דאָך ווייזט זיך אַמאָל ניט די זון,
ווי טרויריג ער קוקט—נאָט זאָל היטען !..

פערלען.

שענסטע פערלען פֿון מײַן האַרצען
רײַסט דער שטורעם אויס בײַ מיר,
און ער שיט אַרױס װי אַלע —
און עס פֿינקעלט דאָס פּאַפּיער.

„ליעבסטע — פֿרעג איך — װילסט זיי? כ׳שענק דיר!״
נאָר זי זאָגט פֿערשעמט אַרױס:
„װײסטו ליעבער, אַז די פּערל
װענען לאַנג פֿון מאָדע אויס!...״

V.

צער און יאוש.

MEDEM LIBRARY
TORONTO

עס גיעבען אין לעבען...

עס גיעבען אין לעבען
אָפּט פּינסטערע טעג
דו שלעפּסט זיך און בלאָנזשעסט
און ווייסט ניט קיין וועג.

בעגעגענסט בעקענטע,
זיי העבען די היט, -
דיין צער אויס צורעדען
דאָך קענסטו זיי ניט;

עס ציהען זיך נאַסען
און הייזער אָהן שיער,—
און ווייסט ניט וואו זאָלסטו
אויפמאַכען אַ טהיר.

אָט שטעלסטו זיך נידער,
דו קלינגסט, דאַכט זיך, אָן,
נאָר באַלד אָבער פּרענסט דו:
וואָס וועסט דו דאָ טהאָן ?..

און פיהלסט זיך ווי איבריג,
און בלאָנזשעסט אַרום,
אַ וועהטיג אַ טיעפער
אין האַרצען נאָגט שטום.

דאַן לייקענסט דו צאָרניג
אין לעבען, אין גליק;

אין מח פֿליהט דורך דיר
אַ טייך און אַ בריק...

און לאָזט זיך נעהן ניכער,—
עס טרייבט דיך די שרעק:
עס שרעקט דיך דאָס לעבען,
עס שרעקט דיך זיין עק...

מענשען און הערצער.

מענשען האָבען טיעפֿע הערצער,
אין די הערצער ליעגען פֿיעל
שענע, עהרליכע געדאַנקען,
ריינעם, ליכטיגעם געפֿיהל.

נאָר עס קען אַ דאַרץ ניט רעדען
און עס מאַטערט זיך און קוועלט, —
און דאָס שענסטע, און דאָס בעסטע
בלייבען סודות פֿאַר דער וועלט.

פֿערגעס...

און דאָס, וואָס איך וויל, וועל איך קיינמאָל נישט האָבען—
דאָס האָב איך, אַ לאַנג שוין, אַ לאַנג שוין בעגראָבען.
עס צאַפּעלט אַמאָל קוים ודער אַלטער זכרון
און רוימט אין דער שטיל איין: דו האָסט וואָס פֿערלאָרען!
ער ווייזט ניט קיין קברים, ער רופֿט נישט קיין נעמען:
פֿערגעסען זיך וואו, און פֿערגעסען זיך ווען...

אומעט.

איך ליעג אויף מיין בעטעל אין חשך געהילט,
עס שלאפט שוין דאס הארץ, און דאס בלוט איז געקיהלט —
איך בין שוין געשטארבען מסתמא;
וואס לאזט מען מיר ליעגען און ווארטען זא לאנג?
ווי שווער איז דער אומעט, ווי ביטער און באנג
צו ליעגען אהן הארץ, אהן נשמה!

מיינע טעג.

כ'הער עס וואָגען
ליט און קלאָגען:
„אָה, די אָבגעלעבטע טעג,
ווי פערשווינדען,
מיט די ווינדען,
און ניטאָ צו זיי קיין וועג!..
מיינע אַלטע,
טעג די קאַלטע,
לעבען אַלע, כ'זעה זיי דאָך,
און זיי ווינקען,
און זיי הינקען,
און זיי שלעפּען זיך מיר נאָך...

וואלקען.

וואָס׳זשע שלעפּט איהר זיך איהר וואָלקען
אויפֿן הימעל גאָר בעזוינדערע,
ווי פֿערלאָזענע יתומים,
ווי פֿערטריעבּ׳נע אָרמע קינדער?

און וואָס איז דאָס פֿאַר א תּכלית
אזאַ לעבּען, אזאַ וואַנדערן?
אָבּגעריסען, אָבּגעשליסען
און ווייט איינער פֿון דעם אַנדערן?

און אַז ס׳דריקט אייך צו דאָס וואָגלען,
אונטערטרעגליך ווערט דער קומער,
גיעסט איהר דאַמאָלס גרויסע טרערען
פֿאַר דער קאַלטער ערד, דער שטומער?...

וואָס׳זשע שלעפּט איהר זיך, איהר וואָלקען,
וואָס׳זשע וועקט איהר מיינע וואונדען —
וואָס דערמאָנט איהר מיר מיין לעבּען?... — —
ווערד פֿערשוואונדען, ווערד פֿערשוואונדען!...

א פֿראגע.

רײמען, וואָס איך האָב געקליעבען,
ליעדער, וואָס איך האָב געשריעבען,
פֿערזען, וואָס איך האָב געזונגען,
טענער, וואָס איהר האָט געקלונגען,—
זאָגט מיר, וואָס וועט פֿון אײך זײן,
ווען איך וועל אין גרוב אַרײן?

וועט זיך אײנער ווער געפֿינען
מיט אַ האַרץ און מיט אַ זינען
און אײך, ליעבע מײנע גראַמען
וועט מיט צאַרטער האַנד צוזאַמען
קלײבען, פֿלעכטען אײך אין קראַנץ,
בלײבען זאָלט איהר אײביג גאַנץ?

אָדער איהר וועט גיהן פֿערלאָרען,
ווי גאָר קײנמאָל ניט געבאָהרען,
ווי פֿון יונגענד די חלומות,
ווי אין שוהל די אַלטע שמות,
ווי אַ וואָלקען אין דער הויך,
ווי אַ ווינד און ווי אַ רויך?...

* *
*

איך האָב נאָך אין לעבען
פיעל אַרבייט, פיעל פליכטען;
דאָ דאַרף איך בעפוצען,
דאָרט דאַרף איך פערריכטען.

דאָ דאַרף איך צעבּרעכען
און דאָרט עפּיס בויען,—
איך קען ניט א צווייטען
די אַרבּייט אָנטרויען.

און יאָהרען ווי לויפען
ווי רוישענדעס וואַסער,
די כחות – ווי שווינדען,
דאָס פּנים ווערד בלאַסער.

און יאָהרען ווי פליהען,
ווי ס'וואָלט ווי ווער טרייבען:
די אַרבייט, די פליכטען –
ווי בלייבען, ווי בלייבען...

אין א פֿנסטערער נאכט.

איך האָב אין א פֿינסטערע נאַכט
די טהיר און די לאָדען פֿערמאַכט,
און האָב מיך בערעכענט מיט שרעק:
אין וואָס איז מיין לעבען אַוועק?

און ווי דורך א שפּאַלט האָט געטאָנט,
האָט ער׳ענד מיין האַרץ זיך געקלאָגט;
געקלאָגט און געצופּט, און געקרעמט —
איך האָב פֿאַר דער זון זיך געשעמט...

די שטערען.

איך קוק אויפ'ן הימעל ביי נאַכט
מיט טויזענדער פראַנגען אין בליק;
די שטערענדליך פינקלען און לאַכען,
און ענטווערען אָב מיר צוריק:

וואָס פאָרשסטו, דו נאַרישער מענש?
וואָס איז אַזוי שווער צו פערשטעהן!
מיר האָבען געלויכטען אַזוי
נאָך איידער דו ביזט דאָ געווען.

און ביזטו געקומען, איז וואָס!
מיר לייכטען, וואָס מאַכט עס אונז אויס!
מיר ווייסען, דיין לעבען איז קורץ —
עס לעשט, ווי א ליכטעל זיך אויס!

און אַז דו וועסט שטאַרבען, אויך דאַן
מיר וועלען אַלץ לייכטען, ווי פריהער,
און לייכטען אַלץ רוהיג און קאַלט,
און גאָר נישט געדענקען אָן דיר! —

* * *

און הונדערט מאָל דענקען,
און טויזענד מאָל קלערען —
דו וועסט פון דיין שכל
קיין ענטפער דערהערען!

און הונדערטער כּוסות,
און טויזענדער טרינקען —
דו וועסט אַלץ דיין יאוש
נישט קענען דערטרינקען...

און רויכער אָהן אויפהער —
די זאָרג וועט דיר בלייבען,
עס וועט זי דער רויך ניט
פאַריאָגען, פאַרטרייבען.

און טויזענדער פרויען,
א סולטאַנס א האַרעם —
דיין האַרץ בלייבט אָהן ליעבע
און ליידיג דער אַרעם...

עס בלייבט ניט קיין מיטעל
דעם שמערץ מאַכען לינדער — — —
אוי, אָרימע מענשען,
אוי, נאַרישע קינדער!...

דער קראנקער בוים.

ווי נאָר ס'הויבט דער בוים אָן דאַרען,
דאַרט ער שוין און דאַרט;
ס'חעט ניט היילען איהם דער פריהלינג,
וואָס ער וואַרט און וואַרט.

גרינען וועלען ניט די בלעטער
אויף די צווייגען מעהר;
און קיין פייגעל וועט ניט קומען
זינגען דאָ אהער.

און דער טהוי בענינען וועט ניט
פאַלען אויף זיין קאָפּ,
און דער וואַנד'רער וועט איהם ווייכען,
רוהט ביי איהם ניט אָב.

ס'וועט דער פריהלינג נאָר איהם רייצען,
ס'וועט איהם טהון נאָר באַנג:
אַלע ביימער אום געציערטע,
ער נאָר — הויל און קראַנק.

מיין טאג.

ס'איז מיין טאָג פֿון פֿרייד פֿערשוואונדען,
און מיין נאַכט איז אָנגעקומען,
האָב איך פֿייער אָנגעצונדען,
ווידער וואַכען זיך גענומען.

ס'איז דאָס לעבען ליעב אונ טייער,
און עס ווילט זיך וואַכען, וואַכען,—
צינד איך ליכט אונ ברען מיר פֿייער,—
כ'וויל מיר ווידער פֿריילֿיך מאַכען.

נאָר עס שליעסען זיך די אויגען
און דער קאָפּ ער פֿאַלט אַ מיעדער;
איז דער טאָג אַוועקגעפֿלויגען,
קענסטו שוין ניט טאָגען ווידער...

עלענד.

און שטיל איז אין צימער
די נאַכט איז שוין שפּעט;
און שרעקענדיג קוקט ער
אין ווינקעל צום בעט.

און שרעקענדיג קוקט ער,
דאָס האַרץ אַזוי ציהט —
און שרעקענדיג דאַכט ער:
דיך לעגען, צי ניט?

עס קוקט דורך די שויבען
די נאַכט שוואַרץ אַריין,
און וויקעלט אין עלענד
און טרויער איהם איין...

די נאַכט קוקט אין פענסטער,
אזוי ווי זי היט...
און בּיינקענדיג קלערט ער:
דיך לעגען, צי ניט?...

מיין פֿאָלק!

מיין פֿאָלק, איך האָב דיין שווערען מזל:
איך וואַנדער זעלבסט, ווי דו, אַרום,
איך לייד, ווי דו, נאָר שפּאָט און שאַנדע
און ווער בעליידיגט, וואו איך קום!..

דאָך ביזטו גליקליכער — דיין גלויבען
בעלייכטעט דיר דיין פֿינסטערן וועג,
און לאַנגזאַם געהסטו און געדולדיג
וועסטו ווען קומען צו אַ ברעג.

איך האָב שוין אָבער אַלץ פֿאַרלאָרען!
— מיין פֿאָלק! ניט רעכען מיר נור זינד —
איך זעה נאָר שוואַרצע וואָלקען יאָגען,
איך הער נאָר, ווי עס וויינט דער ווינד!..

ווען דו בלייבסט אליין.

דו ארבייטסט מיט אימפעט מיט האַסט
אין ס'טראָגט זיך א שע־ נאָך א שעה,
און ענדליך איז אומעטיג פאָרט,
און ענדליך איז גאָר־נישט ניטאָ...

דו ארבייטסט, פערגעסט זיך און קוועלסט,
און מיינסט, דו ביזט נאָך אַמאָל יונג,—
און בלייבסטו א ווײלע אַליין,
שטעלט אויס דיר דיין שאָטען א צונג...

די לעצטע סטרונע.

גלויבען, האָפענונג — פערטריעבען — —
פידעל מיינע, יאָמער הויך!
נאָר איין סטרונע איז געבליעבען
און די איינע פלאַצט באַלד אויך!

איידער ס'פּלאַצט איז דאָך מיין ווילען,
ואָלסטו עהרליך דיענען מיר
און מיין אומגליק הויך פערשפּיעלען,
ווי אַמאָל, אויף בטרונעס פיער...

א תפלה.

שטיינער ליגען מיר אין האַרצען,
תמאַרעס נעהען מיר אין קאָפּ –
גאָט דו גוטער, פול ערבאַרמען,
שיק דיין גנאָד א״ף מיר אַראָב!

קראַנק, דערשראָקען איז מיין וועלט,
זי איז דאָך פון דיר אַ טייל ·
און זי בענקט אַלץ און זי זוכט דיך,–
מיין נשמה, הייל זי, הייל!

MEDEM LIBRARY
TORONTO

מיינע אבגעלעבטע יאהרען...

מיינע אָבגעלעבטע יאָהרען
האָבען זיך, ווי שוואַרצע שאָטען,
אויסגעלעגט און אויסגעצויגען
אויף מיין לאַנגען לעבענס־וועג..

וואָס׳זשע ווילט איהר! כ׳וויל ניט וויסען
פון מיין אַלטען, אַלטען עבר,
כ׳בין ניט יענער, כ׳בין אַנ׳אַנ׳דערער —
לאָזט מיר, לאָזט מיר גערן אַליין!

כ׳וועל אין ווענ בעגעגנען בוימער,
כ׳וועל אין וועג בעגעגנען פייגעל,
און א נייער קוואַל, א פרישער
שטילען וועט מיין לעבענס־דורשט!

און איך לאָז מיך פרעהליך לויפען,
און עס ווילט זיך פייפען, זינגען —
קעהר איך אָב מיין קאָפּ אַ הינטער:
ווער, די שאַטען יאָגען נאָך!...

סודות.

נישט אַלץ האָב איך אַייך אויסגעזאָגט
אין ליעד, אויף דעם פּאַפּיער —
אוי, וואונדען פיעל פאַרבאָרגענע,
ווי ליעגען נאָך אין מיר.

דאָס זענען סודות אַנגסטליכע —
כ'האָב אייך ווי נישט געטרויט;
זיי זענען פינסטערע, ווי די נאַכט,
און גרויזאַם, ווי דער טויט.

אָ, שטאַרבען וועלען זיי מיט מיר,
איך וועל זיי נעהמען מיט —
און זאָל אפילו פרעגען גאָט,
איהם זאָגען וועל איך ניט...

דער סוף.

דאָס וועלטיל געענדיגט,
דאָס לעבען — געעקט.
און אַזוי מאוס,
אַזוי אָהן עפּעקט!

עס איז ניט קיין דראַמע
און קיין וואָדעוויל,
עס איז נאָר אַנ'אומעטיגס,
וואַסערדיגס־שפּיעל.

און שווער און פאַמעליך
דער פאָרהאַנג ער פאַלט,
און וויסט ווערט און וויסטער
און פינסטער און קאַלט...

אוי, די איינציג־ווייסע האָר!...

אוי, די איינציג־ווייסע האָר
ווי זי טוט מיר באַנג!
שוואַרצער קאָפּ, ווער ווייס דורך אויס־
דאָס איז מיין פערלאַנג!

אוי, די איינציג־ווייסע האָר,
ווי זי שרעקט און שרעקט!
עהדער נאָך די עלטער קומט,
עקט די יוגענד, עקט.

ס'טרייבען פלינק די שוואַרצע האָר:
צו דיין ליעבסטער געה!
ד'איינציג־ווייסע האָר, זי לאַכט:
זאָג שוין איהר: אַדיע!

ווינען שטיל די שוואַרצע האָר:
זיי צו לעבען גרייט.
לאַכט די ווייסע האָר פון זיי:
כ'פלעכט פאַר איהם דעם טויט.

יוגענד, עלטער, לעבען, טויט —
שרעקליך איז דער קריעג!...
אָ, דו איינציג־ווייסע האָר,
פייער שוין דיין זיעג!

*　　*
*

און דער זומער ווערט פֿערשוואונדען
מיט די דופּט נדיגע נעכט,
און עס וועלקען אַלע בלומען,
און דער ווינד פֿון הערבסט צובּרעכט

אַלע נרינע, פֿרישע צווייגען,
און ער מאַכט פֿון זיי אַ תל,
און די בלעטער פֿון די בוימער
פֿאַלען אָב, צודאַרט און געל.

און די יוגענד ווערט פֿערשוואונדען,
ווי אַ נעבעל, ווי אַ רויך,
און זי שלעפּט אוועק די ליעבע
און דעם גלויבען, און דעם כח..

אַלעס, אַלעס ווערט פֿערפֿלויגען,
װאָס נאָר טייער, ליעב און שען,—
איבּינג בּלייבען נאָר די צרות,
איבּינג בלייבט דער טויט אַליין...

די בערג.

איך קוק אויף די בערג אויף די הויכע,
וואָס שטע־ען, ווי העלדען אַליין ;
אַ װעהמוט נעהמט דורך מיין נשמה :
ווי בין איך ענטקעגען זיי קליין !

אַ וועהמוט נעהמט דורך מיין נשמה־
עס לויפט דאָך אַ וואָך נאָך אַ וואָך :
ווי קליין, אוי, וועט זיין יענעם בערגעל,
וואָס וועט מיך פערדעקען דער נאָך !...

צום טרוים.

אָנגענומען זיך מיט צער
פאַר דעם לאַנגען טאָג, —
אָ דו ליעבער, זיסער טרוים,
טראָג מײן זעעלע, טראָג!

אָ, וואָס זעה איך ווען איך וואַך,
אַרמוטה, זומפּ און קויט;
ווער בעזוכט מיך, ווען איך וואַך? —
נאָר די אַלטע נויט...

און איך בעט: דו גוטע נאַכט,
פאַל שוין, פאַל שוין צו!
און מײן האַרץ, מײן קראַנקען האַרץ
שענק אַ ביסעל רוה.

קום זשע גלײך, דו ליעבער טרוים,
טראָג מיך ווײט און טראָג,
טראָג מיך ווײט, איך זאָל ניט זעהן,
וואָס איך זעה בײ טאָג...

צו מיין שטערן.

נעה אויף מיין פערלאָשענער שטערן
פון אַלטע, פערנאַנגענע טעג — —
איך נעה און איך פאַל אין דער פינסטער—
בעלייכט מיר מיין זומפּיגען וועג.

עס יאָגען מיך פינסטערע שאָטען
און שרעקען מיין זעעל אין מיין לייב;
נעה־אויף, דו פערלאשענער שטערן,
די פינסטערע שאָטען פערטרייב!

מיין ליעבע און האָפנונג און גלויבען
בעשטראַהל מיר, בעלייכט מיר צוריק...
נעה־אויף מיין פערלאָשענער שטערן,
ערוואַך מיין פערשטאָרבענעם גליק!

וואו ?

איך בין שוין געוואָרען
אַנ'אײבּינער וואַנדרער
און וואָגעל און בלאָנזשע
פון שטאָדט צו דער אַנדרער.

וואו וועל איך פערבלייבען,
אַ רוהע געפינען ?
די פראַגע, ווי נאָגט מיר
און עגבערט מיין זינען.

צו וועל איך אין וועגען
שוין אײביג זיך דאַרבען
און ווייט פון מיין היימאַטה
איין עלענדער שטאַרבען ?

ווער וועט אויף מיין קבר
מיין נאָמען פערשרייבען,
עס זאָל אַ נעדעכניש
נאָך מיר האָטש פערבלייבען ?..

לעבען ווילט זיך.

לעבען ווילט זיך... אָח דאָס לעבען
האָט אין זיך אַזוי פיעל חן,
נאָר איך קען גאָר נישט דערגרייכען
דאָס, וואָס ליעב איז, דאָס וואָס שיין.

לעבען ווילט זיך... נאָר איך קען נישט —
כחות דאַרף מען האָבען מעהר...
שטאַרבען... און פערלאָזען אַלעס —
אָח, דאָס איז מיר אויך צו שווער!

און מיין לעבען איז געגליכען,
צו אַ לאָמפּ מיט וועניג נאַפט:
ווערען ווערט ער נישט פערלאָשען,
ברענען האָט ער נישט קיין קראַפט!..

אַמאָליגע טעג.

צישטעלט זיך אין רייהען אַמאָליגע טעג,
פֿערשוואונדענע טעג פֿון מיין לעבען,
איך וואָל אייך אַרויסרופֿען פֿון אָנהייב בּיז סוף
און יעדערן ,שלום' אָפּגעבען.

איך וואָל מיר פֿאַר יעדערן געבען אַ נייג
און שטרעקען מיט ליעבשאַפֿט די האַנד אייך;
עס וואָלט זיך געדויערט אַ טרעהר אין מיין אויג —
אַבּאַלטע — די איז דאָך בּעקאַנט אייך.

אָה, קלויבּט זיך צוזאַמען פֿערשוואונדענע טעג!
פֿערגעסען, וואָס איך האָב אייך געשאָלטען,
עס איז נאָר געוועזען פֿאַר צרות אָהן בּרייט
עס האָט מיר מיט אייך נישט געטאָלטען.

איהר וואָלט אַלע הויך־דינג פֿענסטער געזעהן
און שוואַרץ, ווי די ריזיגע בּערגער,
געטראָפֿען האָב איך בּעסערע טעג פֿאַר מיר וועק,
אומזיסט אָבּער — די וועלען ערגער!...

דער נעבעל.

וואָס זאָל עס בעדייטען דער נעבעל,
וואָס הענגט אזוי דיכט אויף דער שטאָדט?
צי וויל שוין דאָס שטיקעלע הימעל
אוועקרויבען אויך פון אונז נאָט?

צי וויל ער פערשטעלען דאָס פּנים
פון מענשען, וואָס געהען אין גאָס,
און זעהן זאָל ניט איינער דעם צווייטען,
די בליקען, די בייזע, פול כעס?...

צו איז איהם די זון שוין א שאָדען,
וואָס לויכט נאָר צו גזלה און זינד,
און האָט זי פון מענשען פערהאַנגען
מיט נעבעל געדיכטען אצינד?...

וואָס זאָל עס בעדייטען דער נעבעל,
וואָס הענגט אזוי טרויריג און שוואַרץ? —
אנ'אימה בעפאַלט מיין נשמה,
עס צאַפּעלט און ציטערט מיין האַרץ...

איך ווייס ניט...

איך ווייס ניט וואָס האָב איך,
איך ווייס ניט וואָס פֿעהלט מיר;
איך ווייס נאָר — די ליכטיגע
זון איז פֿערשטעלט מיר.

איך ווייס ניט וואָס זינג איך,
צי ליבע, צי צאָרען;
איך ווייס נאָר — מיין הארץ איז
פֿערשרפֿט געוואָרען.

איך ווייס ניט צי לעב איך,
צי בין איך געשטאָרבען;
איך ווייס נאָר פֿערשימעלט
איז אלץ און פֿערדאָרבען...

בײַ די בוימער.

הינטער'ן שטעדטעל, וואו די בוימער
שטעהען שטאָלץ און פרײַ און שלאַנק,
געה איך אום אצינד געבויגען,
מיעד פון לעבען, עלענד, קראַנק.

„ליבע בוימער, אַלטע בוימער!
רוף איך מיט אַ מאַטען קול,
קוקט אָן אײַער פרײַנד-דעם אַלטען,
און דערקאָנט מיך פון אַמאָל.

אָה, דערקאָנט מיך, ליעבע בוימער!
גיעסט אַרײַן מיר אויף דאָס נײַ
אין מײַן האַרצען לוכט און ליעבע,
ווי אַמאָל אין שענעם מאַי.

וועקט מיך ווייטער אויף צום לעבען,
וואַרעמט אָן מײַן קאַלטעס בלוט,
קעהרט מיך אום צום נייעם לעבען —
נייע קרעפטען, פרישע מוט!

איהר געדענקט דאָך מיך פון פריהער,
ווען איך האָב עם אַלץ געהאַט,
איצטער בין איך געל, פערטריקענט,
ווי אין אָסיען אײַער בלאַט...

דאָס בּוימעלע.

און זעהסטו דאָס בּוימעל׳, וואָס וואַקסט אויף דעם פעלד
אָהן פריינד, אָהן חברים, אליין ?!
עס שאָקעלט זיך טרויריג און דאַווענט פאַר גאָט,
וואָס בּעט עס, — ווער קען עס פערשטעהן !

עס בּעט נישט קיין פריהלינג, קיין וואַרימען שטראַהל —
וואָס נוצט עס דעם עלענדען קינד ?
עס ווינט נאָר און בּעט זיך געוויטער בּיי גאָט,
עס זאָל איהם צעבּרעכען דער ווינד !...

* *
*

עס שאָקעלט דאָס בּוימעל זיך הין און צוריק —
עס ווערט ניט צובּראָכען... אָח וואָס איז דאָס גליק?
וואָס טויג אזאַ לעבּען — אין איבּינען שרעק ? — —
אָח, איינמאָל אַ בּראָך — און געענוג, און אַוועק !..

דו פֿרעגסט...

דו פֿרעגסט מיך, מיין פֿריינד, ווי אַלט איך בין שוין, —
איך וואָלט עס דיר גערען דערצעהלען;
נאָר גלויב מיר, מיין פֿריינד, איך ווייס ניט אַליין —
עס האָט ניט געלויהנט זיך צו צעהלען...

דער קאַרגער צעהלט געלד, דער גליקליכער — טעג,
מען צעהלט, וואָס ס׳איז ליעב, וואָס ס׳איז טייער
מיין לעבען, אָ, פֿריינד, איז אַ וויסט־לאַנגער וועג,
און פּונקט פֿאַר אַ יאָהרען, ווי הייער...

אויב לעבען הייסט ליידען, דאַן לעב איך שוין לאַנג,
דאַן האָב איך געגנוג זיי, די יאָהרען;
אויב לעבען הייסט הערען פֿון גליק חאָטש אַ קלאַנג,
דאַן בין איך נאָך גאָר ניט געבאָרען...

שלום.

איך װעל מאַכען שלום
מיט דעם לעבען;
װעט עס עפּיס געבען
װיל איך נעמען — —
כ'װעל מיך קײנמאָל קלעמען — —
ס'איז אַ חלום, ס'איז אַ חלום!...

װעט מײן ליעבסטע קומען
מיך בעגליקען,
װעל איך פעסט זי דריקען
װײך און װאַרעם
אין מײן אַרעם;
טאָמער ניט — זי האָט פערלאָזען —
װעל איך אױך קײן טרער ניט לאָזען,
און מײן האַרץ בעפעהל איך: שטומען!

איך װעל מאַכען שלום
מיט דעם לעבען —
כ'װעל מיך קײנמאָל קריגען
מיט דעם מזל, מיט דעם האַרטען, —
כ'װיל אבּיסעל רוהיג ליעגען,
רוהיג װאַרטען...
שאַ, מײן ליעבער,
כ'שליעס די אױגען — —
אלץ פאָריבער, אלץ פערפלױגען — —
ס'איז אַ חלום, ס'איז אַ חלום!...

פֿון טאל.

גאָט, נעם מיך פֿון טאָל פֿון בעטריעבטען אַרױס,
װען ניט נעהמט מײן לעבען, מײן חיות מיר אױס.
דאָ לעשט זיך מײן װעלע, אַזױ װי אַ ליכט,
װאָס צאַנקט אין אַ שענק מיט שכּורים געדיכט;
דאָ שלעפּ איך מיך אומעט דערשראָקען און בלאַס
אַזױ װי אַ פֿערבלאָנזשעטע קינד אין אַ גאַס...

דער שטויב פֿון דער וועלט...

דער שטויב פֿון דער וועלט איז געפֿאַלען אויף מיר,
אוּן קראַנק בין איך, קראַנק;
די ליעבע — זי וועלקט טיעף אין האַרצען ביי מיר,
אין קאָפּ — דער געדאַנק...

און ווער קען מיך היילען? נישטאָ אַזאַ מענש,
נישטאָ אַזאַ לאַנד!
און וואָלסטו דעם הימעל דערגרייכען געוואָלט —
ווי קורץ איז דיין האַנד!..

גערדאנקען.

****

I.

דער מענש.

דער מענש — ער האָט הויכע פערלאַנגען,
די כּחות — ווי שוואַך און ווי קליין!
איהם ווילט זיך דעם הימעל דערלאַנגען,
און קען אויף דער ערד קוים אומגעהן.

איהם ווילט זיך די גאַנצע וועלט ליעבען
און לינדערען יעדערענס „אוי" —
און ליעבע איז קוים איהם געבליעבען
פאַר אַן אָרימער, זינדינער פרוי...

II.

פרויען.

פערזוימט האָט זיך משה אין הימעל,
און דאָס פאָלק האָט נאָך גאָט זיך פערבייטט —
אַן אַנדערן גאָט זיך צו מאַכען,
האָבען פרויען די צירונג געשענקט.

אָ, יעצט זענען אַנדערע פרויען —
עס בייטען זיך צייטען, אַ שרעק!
אָ! היינטיגע פרויען פאַר צירונג
ווי שענקען דעם גאָט אייך אַוועק.

III.

קלונע און שלעכטע.

ס'בערויבען מיך מענשען, ווי קלונע, ווי שלעכטע, —
עס איז מיר דאָס לעבען פֿערשטערט!
נערויבט האָבען קלוגע מיין גליק דאָרט אין הימעל,
די שלעכטע — מיין גליק אויף דער ערד!...

IV.

א קאָמפּלימענט.

ב'האָב מיט איהר געשערצט, געלאַכט,
קאָמפּלימענטען איהר געמאַכט
און מיין עהרען־וואָרט געגעבען,
אַז איך ליעב זי ווי מיין לעבען.
אַך, ווי וואָלט עס איהר פֿערדריסען,
ווען זי וואָלט מיין לעבען וויסען?!...

V.

מיינע טעג.

ביטער איז געווען מיין נעכטען
און דער היינט איז אויך פֿול זאָרגען —
און דער היינט און נעכטען — ביידע
שאַפֿען, וועבען מיר מיין מאָרגען.

אָה, אַזעלכע צוויי שלימזול'ים
קענען רעכטס דען עפּיס מאַכען? —
ס'זועט אַרויס קומען אַ מאָרגען
נאָר צום חוזק, נאָר צום לאַכען...

VI.

מיינע ליעדער.

כ'האב געשריעבען מיינע ליעדער
נאָר מיט טינט מיט שוואַרצען,
ווען איך לעז זיי, דאכט מיר זעה איך
רויטעס בלוט פון האַרצען.

וואָס איך לעז די ליעדער מעהרער
ווערט אַלץ רויטער, רויטער,
וואָס איך שרייב די ליעדער מעהרער
ווער איך בלייכער, טויטער...

VII.

מיין פריינד.

מיין פריינד! מיט דער וועלט וועסטו גאַרנישט ניט מאַכען —
און האָט זי פון דיר נאָר גענומען צו לאַכען,
דאַן מוזטו ענטלויפען, דאַן מוזט זיך בעהאַלטען,
אין ערגיץ אַ ווינקעל, אַ וויסטען, אַ קאַלטען.

מיין פריינד! מיט דער וועלט וועסטו גאָרנישט ניט מאַכען.
עס האָט שוין געטראָפען אַ זעלבענע זאַכען.
די וועלט, אַט די אַלטע, די נאַרישע זקנה,
איז פונקט, ווי אַ קינד נאָה, אַן עקשנ'טע איינע...

VIII.

גאָט'ס פוסביינקעל.

דער גרויסער, פרייער הימעל
דאס איז דאך גאָטעס טהראָן,

און ריין איז גאָטעס הימעל
פון אייביג־אייביג אָן.

די ערד — דאָס איז זיין ביינקעל
— אזוי זאָגט גאָט אליין —
צי פּאַסט דיר גאָט, דיין בּיינקעל
זאָל זיין אַזוי ניט ריין? —

IX.

דער בּלינדער.

אָט איז ער געקומען, דער אָרימער בּלינדער
און האָט אויפ'ן הויף זיך געשטעלט,—
עס ציהט זיך דאָס קלעגליכע ליעד ויינס: אָ בּרידער!
איך זעה ניט די ליכטיגע וועלט!

עס ריהרען זיך הערצער, עס ווייזען זיך טרעהרען,
מען וואַרפט איהם פון פענסטער פיעל געלד;
און שטיל ווערט דער בּלינדער, ער איז שוין בּערוהיגט —
ער זעהט שוין די ליכטיגע וועלט!

X.

די נאַכט.

די נאַכט רוקט זיך אָן, די נאַכט רוקט זיך אָן
די אוראַלטע, מאוס'ע נאַכט,
און רוהיג און שטיל בעהערשט זי דעם טראָן
מיט חשך און פינסטערער מאַכט.

און ס'דאַכט זיך זי רעדט: „נו, זאָגט איהר אליין,
צי איז דען ניט בּעסער פאַר אייך:

ווי רוהיג און שטיל! קיין פרייד, קיין געוויין,
עס שלאָפען זיך אָרים און רייך!

XI.

ווי עס רוישט...

ווי עס רוישט אין שטאָדט דאָס לעבען,
ווי פערפלאָנטעט איז דאָ אַלעס:
פרייד און לייד, געלעכטער, טרערען
לוקסוס, מאַנגעל, רייכקייט, דלות...

דלות ווכט אַביס'ל רייכקייט,
דלות ווכט אַביסעל רוה,
אָבער רייכקייט, דומע רייכקייט
ווענינ האָסטו, וואָס זוכסט דו?...

XII.

ווי עס פליהט.

ווי עס פליהט דאָס קורצע לעבען,
באַלד פערשווינדט עס, באַלד ניטאָ!
און איך אייל מיך צו געניסען
חאָטש איין ליעבע, גוטע שעה.

ס'ווילט זיך אויסרייסען פון לעבען
חאָטש א ברעקיל גליק, אַ ברויז,
נאָר פאַר איילעניש, פאַר אימפעט
רייס איך אוננליק נאָר אַרויס.

XIII.

אַלטער גלויבען.

אַלטער גלויבען, אַלטע האָפֿנונג
ציהט זיך פֿון מיין הארץ אַרויס —
אָבגעװאָהנט האָט איהר דאָרט יאָהרען
איצט איז אייער צייט שוין אויס!

כ'האָב דערקענט אייך פֿאַלשע שכנים,
איהר פֿערשפּרעכט אַלץ זילבער, גאָלד,
און איך בין שוין אַלט געוואָרען,
און איהר האָט נאָך נישט בעצאָהלט!..

XIV.

* * *

פיעל פֿינסטערע נעכט האָב איך ליעדער געשריבען
און גראַמען פֿון גאָלד און ווי פּעריל געבליעבען;
די האָבען געלויכטען אין פֿינסטערער נאכט,
און האָבען מיין לעבען נישט ליכטיג געמאַכט.

VI.

די הים.

מיין צוריקקעהר אהיים.

I.

אומגעוואַנדערט און געוואָגעלט
האָב איך אין דער פרעמד פיעל יאָהרען
איבערדריסיג און פערמאוסט
איז דאָס לעבען מיר געוואָרען.
אַח, די גרויסע שטעדט, די גאַסען
מיט די ריזינ־הויכע מויערן
האָבען מיך אַזוי געשראָקען —
כ'פלעג דאָרט נאָך מיין היימאַט טרויערן;
נאָך דעם קליינעם, ליעבען שטעדטיל
נאָך די געסליך,– עלענד, אָרעם;
נאָך די שטיבעליך די קליינע —
נאָך די לעבעדיגע קברים.
טאַקי קברים! דאָך געצוינגען
האָט מיך צום בית־עלמין אַלטען—
אָ, ווי פיעל זכרונ'ת ליעבע
ליעגען דאָרטען טיעף בעהאַלטען.
טיעף בעהאַלטען דאָך וועל איך ווי
פון דער ערד צוריק אויסגראָבען,
מיט פערשטאָרבענע ווידער זעהן זיך,
אָ, פיעל נחת וועל איך האָבען!
כ'האָב די גרויסע וועלט פערלאָזען,
בין געפלויגען ווי אויף פליעגעל,
צו מיין שטעדטיל, וואו געשטאַנען
איז אַמאָל מיין קינדהייטס וויעגעל.

II.

כ׳האָב דערקענט דיך, ליעבעס שטעדטיל,
האָסט זיך פּיעל ניט אומגעביטען!
איך דערקען די געסליך דיינע
און דעם גרויסען מאַרק אין מיטען.
אח, ווי טרויריג ווייזט ער אוים מיר:
אַלע הייזער אַלט געוואָרען,
און די שויבען פון די פענסטער
קוקען פינסטער, פול מיט צאָרען!...

*   *
*

חיים לייזער׳ם הויז — וואו איז עס
מיט דעם גאַניק מיט דעם לאַנגען,
וואו עס פלעגט זיך שטענדיג הערען
לוסטיג לאַכען און געזאַנגען?
רייך געוועזן איז חיים לייזער
און א בעל הבית אַן עכטער,
אַ פּרנסה שטוב אַ גרויסע
און צוויי שענע, יונגע טעכטער.
איך געדענק די עלטערע, ביילע,
מיט די שוואַרצע, גרויסע אויגען
וועלכע פלעגען שטענדיג לאַכען
און מיין האַרץ דאַן צוגעצויגען.
כ׳פלעג אָפט קומען אויפ׳ן גאַניק
אין די זומער־נעכט צו זיצען
מיט די טעכטער, מיט די שיינע,
און פלעג פרייליך שיטען וויצען.

ווייער לאַבען פלעגט דאַן קלינגען,
ווי דאָס ליעד פון נאַכטיגאַלען —
אָה, וואו זענט איהר, ליעבע טעכטער,
אָה, וואו זענט איהר איצט פערפאַלען?
שלעכטע צייטען! חיים לייזער
איז פעראָרימט לאַנג געוואָרען,
נאָך אמעריקע די טעכטער
זענען גלייך אוועקגעפאָהרען.
דאָס האָט מיר דערצעהלט די מוטער,
מיט פערוויינטע רויטע אויגען:
„מיינע לוסטיגע צוויי פייגעל
זענען איבער ים פערפלויגען!”
„מיינע לוסטיגע צוויי־פייגעל!”
האָט זי מיט די הענד פערבראָכען —
„וועהט, אַ תל פון הויז געוואָרען,
און דער גאניק איז צובראָכען”...

III.

ניט פערגעסען אויך דעם שולהויף,
וואו עס שטעהט די תלמוד תורה.
כ'האָב בעטראַכט זי נאָר פון ווייטען,
וויל פון נאָהענט איז אַ מורא...
כ'האָב דערקענט די אָר'מע קינדער —
באָרפוס, נאַקעט און דערשלאָגען;
און געריהרט פון זייער עלענד
האָט דאָס הארץ געוואָלט וואָס זאָגען:
אָ, איהר תלמוד־תורה קינדער!
כ'קוק אויף אייך מיט פייכטע אויגען —

ספרים טראָגט איהר ניט אין ראַנצעס —
וואָס־זשע געהט איהר אַיינגעבויגען?
וועלכע שווערע משא קרימט אייס
יונגע־הייט נאָך אַיער רוקען?
איז די תורה אַזוי שווער אַייך
אָדער איז דאָס ברויט צו טרוקען?"
נאָר ווי האָבען ניט געענטפערט,
האָבען קענטיג שוואַך פערשטאַנען;
אויסגע . טעלט די אייגען, פראַגענד:
אָ, די ווייבקייט קומט פון וואַנען?...
אָ, די אָר'מע און יתומים
וועני יאָר געוועהנט צו ווילדע
קלות, קיפען און קולאַקעס,
אָבער ניט צו ווערטער מילדע...

VI.

כ'האָב געוואָלט זעהן דעם בית המדרש,
בין אין איהם אַריינגעגאַנגען —
אַח, ווי הערצליך און ווי פריינדליך
האָט מיך יעדער דאָרט עמפפאַנגען!
אַ בעקאַנטער, צי אַ פרעמדער
האָט זיין האַנד מיר אויסגעצויגען
און עס האָט „שלום עליכם"
העל געלייכטען אין די אויגען.
כ'האָב דערקענט די אָרמע ברידער,
צווישען זיי אויך חיים בער'ן,
מיין אַמאָליגען מלמד —
כ'האָב דערקענט איהם אַן זיין שטערן

מיט די פיעלע, פיעלע קנייטשען,
טיעפער זענען זיי געוואָרען...
„וואָס־זשע מאַכט איהר ליעבער רבי,
ווי האָט איהר געלעבט די יאָהרען?
אה, ביי טאָג אין שוהל וואָס טהוט איהר?
ס'איז מיר עפּעס ניט געפעלען,
אָדער זענט איהר רייך געוואָרען
און האָט אויפגעהערט צו קנעלען?
ליעבער זוהן! האָט ער געענפערט —
כ'בין ניט רייכער, ס'האָט מיין צעטיל
ניט געוואוגען, דאָך בין איך שוין
אוים מלמד אין מיין שטעדטיל.
ליעבער זוהן! אויף אונז'רע יודען
קומט אַ צרה נאָך אַ צרה;
אָ, נישטאָ שוין יענע יאָהרען —
קיינער דאַרף ניט קיין גמראָ!
מ'לעהרינט אוים נאָר איצט דעם יונגעל
עפים דאַוונען, עפּים ברכה,
און נאָך עה ער ווערט בעל מצוה
ווערט פון איהם אַ בעל מלאכה!"
— וואָס־זשע טוהט איהר ליעבער רבי,
וואו־זשע נעמט איהר זיך צום לעבען?
„כ'האָב'פערקויפט, מיין זוהן, דאָס שטיבעל
און מיין טאָכטער אויסגעגעבען,
דו געדענקסט מיין קליינע שטיבעל,
מ'האָט נעדאַרפט עס איבערבויען,
דאָך איך קען עס ניט פערגעסען,
ס'ציהט דאָס האַרץ, אָ, מענסט מיר טרויען...
נאָר צוריק די אייג'נע מעשה...

שמוּתים׃ כ׳האָב געמוזט פֿערקױפֿן;
דו געדענקסט דאָך נאָך מײן בתולה...
און די יאָהרען, אױ װי לױפֿען...
לאָזען זיצען איז קײן תכלית,
ז׳איז געװען אַ הײבשע בתּולה,
נאָר און אָרימקײט װאָס העלפֿט עס?
שען אָהן געלד איז ניט קײן פּעולה.
פֿאַר אַ בעל־מלאכה... מילא...
נאָר פֿערדעקען מיט אַ שלײער...
— װאָס׳זשע טהוט איהר איצטער, רבי,
„כ׳זוּפּ בײ טאָג אַביסעל זוהר".
נײן — איך מײן פֿון װאַנען לעבט איהר?...
„פֿרעג, מײן זוהן, ניט — לאָז צופֿריעדען —
מיט דעם בּורא׳ס היקף — עס לעבט זיך,
װי עס לעבען אַלע יודען..."

V.

אין בית מדרש אין אַ װינקעל
האָט אַ יונגעל זיך פֿערקליעבען
און מיט גרױס געפֿיהל, התמדה
האָט ער עפּיס דאָרט געשריעבען.
כ׳האָב בעטראַכט איהם — הױט און בײנער
און די בּעקליך אײנגעצױגען,
האָט קײן צײכען פֿון אַ פּנים,
נאָר עס פֿינקלען װײנע אױגען.
איך בין צו איהם צוגעגאַנגען
און געפֿרעגט: װאָס שרײבסטו ליעבער?
ער האָט זיך פֿערשעמט, דערשראָקען

און נעציטערט ווי אין פיבער.
גאָר נישט — דאָס ער קוים נעענפערט—
כ'האָב זיך ליעב צו מאָהל'ען תמיד...
כ'מאָל פון גרויסע לייט די בילדער —
אויך מיין אַרבייט איז דער עמוד...
אין דער היים איז ענג און פינסטער
און די קליינע קינדער שרייען;
שרייב איך דאָ מ'ר אין בית מדרש —
כ'מאָל איצט— „הבל'ן הרנ'ט קין"...
ס'האָט געזעהן אַמאָל דער דאָקטער
מיינע אַרבייט, די פּאַפּ'ערען —
כ'וואָלט אַ „לייט" געוועזען, זאָגט ער
ווען געקענט וואָלט איך שטודירען.
ס'האָט מיין טאַטע שטאַרק צעלאַכט זיך
אויף דעם דאָקטער'ס רייד אין גאַנצען;
מיין זוהן שיקען אין די קלאַסען,—
„פשר זאָל איך נעהן איצט טאַנצען..."

VI.

טרויריג בין איך פון בית מדרש
און בעטריעבט אַרויסגעגאַנגען,
פול מיט וועהמוטה, פול מיט זאָרגען,
פול מיט נאַרישען פערלאַנגען...
כ'האָב געלאָזען געהן זיך ווייטער
נעהן און געהן... איך זאָל פערגעסען
מיינע שווערע, גרויסע ליידען,
וועלכע דריקען מיך און פרעסען.
נעהענדיג פערטיעפט אין טרויער

בין איך צו דעם טייך געקומען
און אַ טיעפֿער, אַלטער קימער
האָט מיין וועלט דורכגענומען.
ווי געגריבט מיר, ליעבעם טייכעל,
אָ, ווי פֿלעג איך נאָך דיר בענקען,
שטעהענדיג ביי גרויסע ימים
פֿלעג איך דאָרט אויך דיך געדענקען.
רוהיג, שטיל פֿליסט דיינע וואַסער,
ביי דיר קאָבען ניט קיין הוואַליעס,
דיינע שיפֿען — שטיקלעך שמאַטעס
שווימען — צייכענס פֿון דעם דלות.
זומער צייט אין דיינע וואַסער
וואָלט אַ תענוג ווער געפֿינען,
טריקענסטו דאַן אויס אין גאַנצען,
דיינע וואַסער ווערט ענטרינען...
ווינטער צייט ווערסטו פֿערפֿרוירען
און מיט מיסט פֿערדעקט, פֿערשאָטען...
דאָך האָב איך דיך ליעב, מיין טייכעל,
כ׳וואָלט פֿון דיר ניט אָבגעטראָטען.
אמת, כ׳האָב געזעהן שוין טייכען,
וואו די חוואַליעס וואַרפֿען, ברומען,
וואו דאָס וואַסער — שטאַרק און מעכטיג,
דאָך בין איך צו דיר געקומען.
יאָ צו דיר האָט מיך געצויגען,
דאָרט בין איך געווען אַ פֿרעמדער,—
איך געדענק, ווי ביי דיין וואַסער
פֿלעגט מיין מוטער וואַשען העמדער...
און דערמאַן איך אין מיין מוטער
ווערען ד׳אויגען פֿול מיט טרערען...

נעם ווי צו צו דיר, ליעב טייבעלע,
חעסטו טרוקען קיינמאָל ווערען...

XII.

קומענדיג אַ היים, צום ווידען,
דאָרט איז מיין קוואַטיער געוועזען —
האָט די באָבע מיר אַ גאַנצע
לעקציע אָנגעהויבען לעזען:
„וואו ביזטו דאָס אויסגעוועזען?
און אונז האָסטו גאָר פערגעסען,
האָסט זיך נאָר דערמאַנט צו קומען
ווען פערוואָלט האָט זיך דיר עסען...
מילא איך בין דיר עס מוחל —
האָט זי ליעבליך צוגעגעבען —
זט אַ יונגערמאַן, עס ווילט זיך
אומשפּאַציערען, ס'ווילט זיך לעבען.
איך בין אויך אַמאָל געוועזען
יונג און ליעב געהאַט צו שפּיעלען;
אַך, וואָס איך פלעג אויסשפּאַציערען
און קיין מיעדקייט קיינמאָל פיהלען.
איצטער... אוים! נאָר אין מחשבות,
כ'האָב פערדערט זיך און פערגעסען,
ביזט אַ הונגעריגער נעביך,
נעהם אויף ניך און וואַש זיך עסען."
נט האָט מיר געשמעקט דער באָבעס
איהרע איינגעפאַבינע שפּייזען:
שמאַלץ מיט רעטאַך... און דער פרעמד דאָך
האָב איך ניט געקענט ס'דערווייזען.

לאַכט איך, ברידער, פֿון דעם מאכל,
וואָס איהר ווילט דאָס זאָגט און רעדט איך —
איך בין דאָך ביי מ׳ינס — עס שמעקט מיר
אונזער מאכל — שמאַלץ מיט רעטאַך...
און אוך פֿלייש — האָט מיר די באָבע
ווייך געזאָגט — ניט האָב פעראיבעל —
וועסט אין שטאָדט א לויט ניט קריענען,
זאָלסט בעצאָ׳לען חאָטש א רובעל.
די קצבים ווינען קלאָגען
ווילען מאַכען אַנ׳אסיפה:
צעהן שטיק האָבען זיי נעקוילעט,
און דער רב נעמאַכט האָט טריפה...
די קצבים — נראָבע יונגען,
פֿרעג, וואָס ווילען זיי דען האָבען!
זאָל מען דען דעם שולחן־ארוך
מיט די „נאָך זאַכען" בעגראָבען?...

VIII.

שבת פֿריה בין איך נעגאַנגען
אין בית מדרש מיט׳ן ויידען,
אין דעם וועלבינען בית מדרש.
וואו איך האָב אַמאָל אין פֿריידען
אין מיין קינדהייט נאָך נעדאַווענט
מיט׳ן טאַטען פֿון איין סידור...
און דערמאָהן איך יענע צייטען
הויבט דאָס הערץ אָן פֿרעהען ווידער...
און עס הייבט אָן מעכטיג קלאָפּען
און צו ויינען און צו בעטען...

און איך פיהל מיך, ווי מלאכים
וואַלטען קושען מיך און גלעטען...
אין דעם זעלבינגען בית מדרש –
אַט דערקען איך זי, די בימה.
וואו דער חזן זינגט, צוגיסט זיך
איך זיין טרויערינג־זיסער, שמע.!
אָך, ווי טרויעריג זינגט דער חזן!
ס׳העלפּט איהם אונטער נאָר איין בחור –
וואָס־ושע ווייגט ער? אויף דעם אפשר
וואָס עס קלעקט איהם ניט דער „וואָכער"?
אָ, וואָס רייסען זיך די טענער
מיט אַזא געבעט און ברומען?
אפשר, וואָס די שכירות זיינע
איז פון גבאי שווער בעקומען?
אָ וואָס שפּרייט ער זיינע הענד אויס
און ער בעט זיך ביי דעם עולם?
אפשר ווייגט ער וואָס זיין האָפנונג
איז נאָר אלול דער בית עולם?...
נאָר געענדיגט האָט דער חזן,
אויסגעזונגען – זיך א חיות.
אָנגעהויבען האָט דער גבאי –
צו פערקויפען די עליות
ווי אַמאָל... ניט אומגעביטען
האָט מען נאָך דעם טאָרג דעם ווילדען;
און ס׳פערקויפט זיך משה׳ס תורה
אויפ׳ן רובעל, אויפ׳ן גילדען.
שישי איז נאָך אַלץ א יקרות
און דער מקח ברענט פלאַם פייער...
און רביעי און חמישי

איז נאָך עד היום ניט טייער.
יאָ צו ששי נאָך עד היום
האָט ר׳ בער אַ גרויסע תאווה;
אָט־אָ קריכט ער אויפ׳ן בימה
און ער בלאָזט פון זיך מיט נאוה!
און ער נעהט אראָפּ פון בימה,
גלעטענדיג דאָס גראָבע בייכעל,
ווי געזאָגט וואָלט ער: רבותי,
ששי איז אַ גרויסער מאכל!
עפּיס פיהל איך מיך נאָך ששי —
בין אַ בעל בית אַ יוסטער,
בין ר׳ בער... איהר קענט ר׳ בערן!
ניט קיין שניידער, ניט קיין שוסטער...
און די שניידער און די שוסטער
קוקען אויף ר׳ בער מיט קנאה...
ששי ווילט זיך זיי פערזוכען
און עס רינט ביי זיי די סלינע...
אָ, פאַר וואָס איז זיי בעשערט נאָר
מאָגערעס דאָס גאַנצע לעבען?
האָטש אַ שטיקעל פּעטע תורה —
דאָס אויך וויל מען זיי ניט געבען!
טרייסט זיך שניידער, טרייסט זיך שוסטער,
וואַרט נאָר איבער איצט די וועהען;
ניט נאָר שלישי — ס׳קומט די צייט באַלד
און איהר אַלע וועט זיין כהן...

IX.

ווּנטאָג פריה בין איך געגאַנגען
אויפ׳ן מאַרק הין הער און ווידער.

צו בעקוקען און בעטראַכטען
פון וואָס לעבען מיינע ברידער.
אָ, דעם גרויסען מאַרק פול בלאָטע
האָט מען אונז אַוועק געגעבען;
נעמט מען צו דעם מאַרק פול בלאָטע,
נעמט מען צו אויך אונזער לעבען...
צווישען פיעלע נייע קרעמער
האָב איך קוים דערקענט נאָר איינע—
זאָל דאָס ווייבעל זיין דען רחל,
זאָל עס רחל זיין די שענע?
רחל, רחל — באמונות!
איך דערקען זי נאָך פון וויטען —
חאָטש זי האָט זיך אומגעביטען
נאר ניט די פין יענע צייטען,
ווען איך בין צו הויז געוועזען
און געקענט זי נאָך אַלס פריילין...
איך געדענק נאָך איהרע אויגען
מיט די בליקען, ווי די פיילען.
רחל רחל, ליעבע רחל!
בין איך צו איהר צו געלאָפען -
ביזט אַ קרעמערין געוואָרען?
אָ, ווי האָט זיך עס געטראָפען?
אָך, דערצעהל מיר, ליעבע רחל,
וואָס האָט דיך געבראַכט צו דאנען?
ביזט געוועז אַ שטאָלצעס פריילין
און פלעגסט לעזען אָפט ראָמאַנען.
און דיין פרייע ברוסט — פול לעבען,
פלעגט זיך, לעזענדיג, אויפהייבען,
און מיט דיינע שוואַרצע אויגען

פֿלענסטו קוקען ווייט, און גלויבען,
איך געדענק דאָך דיינע טרוימען,
פֿלענסט זי עפּטער מיר פֿערטרויען,
און אַ וועלט פֿול גליק און ליעבע
פֿלעגסטו דאַמאָלס זיך אויסבויען.
און דעם וועג צוזר צוקונפֿט דאָסטו
אויסגעשאָטען פֿול מיט בלומען!
וואו־זשע זענען דיינע גליקען,
ווי ביזטו דערצו געקומען?
אין אַ קרעמעל — ענג און פֿינסטער —
זיצטו איצט פֿערדעקט מיט טרויער,
און די שיינע אויגען דיינע
קוקען אויס׳עט אויף אַ בויער...
און די זיסע שטימע דיינע,
וועלכע פֿלעגט ראָמאַניסען זינגען,
ווערט איצט הייזעריג און ווער
מיט דעם קונה זיך צו דינגען...
טרויריג האָט זי מיר געענפֿערט:
מאַלע וואָס עס איז געוועזען —
בין אַמאָל געווען פֿערנאַרישט,
און געהאָפֿט, געגלויבט, געלעזען,
און מיין יונגעס בלוט פֿלעגט קאָכען
און פֿלעגט רייסען זיך און זידען...
איך פֿלעג גלויבען דאַן און האָפֿען
אויף אַזוינס, וואָס ניט פֿאַר אידען...
און די יאָהרען פֿליהען, פֿליהען,
און איך ווער אַלץ עלטער, עלטער...
די חלומות שווינדען, שווינדען
און דאָס בלוט ווערט קעלטער, קעלטער...

די געבייען אַלע מיינע
פיהל איך הייבען אָן צו פּלאַטצען,
און איך הער אין גאַם די ווייבער
מיינע יאָהרען, ווי זיי שאַטצען...
כ'האָב געהערט עס, און מיין יוגענד
האָב איך שטיל בעווײנט מיט טרערען,
און געמוזט האָב איך אַ כלה
פאַר דעם ערשטען חתן ווערען...
יאָ געמוזט: מיין גוטע מוטער
האָט געוואָלט פון מיר ועהן נחת:
„ווער מיין ליעבעס קינד אַ כלה,
אונז'רע שונאים אויף להכעיס".
און די האָט דערלעבט דעם נחת,
וואָס זי האָט געוואַרט פיעל יאָהרען:
ער — אין שטעדטיל גיעט אָב „שטונדען"
איך — אַ קרעמערין געוואָרען...

*   *
*

ווייניג נחת, ליעבעס שטעדטיל,
האָב איך יעצט אין דיר געפונען,
פון אַמאָל דיין חן, דיין כיסעל
איז שוין אויך פון לאַנג צערונען.
כ'האָב געבענגט נאָך דיר פון וויטען,
כ'פלעג אויף דיר דאָרטען וואַרטען, האָפען־
אָר'מער, טויטער, ווי געלאָזען,
האָב איך איצטער דיך געטראָפען!

קוידאַנאָוו — קאָוונע 1938

פֿון מיין שטעדטיל.

כ׳קום אַריין אין קלויז אין אַלטען —
אַך, ווי טרויריג, טריב און דונקעל!
ליידיג אַלע בענק, — דער שמש
דרימעלט שטיל נאַר אין אַ ווינקעל.

וואו־זשע ווענען די בחורים
ביי די גמרות, מיט דעם ניגון,
וואָס ער פֿלעגט מיר די נשמה
דאָ דערהויבען דאָ, פֿערוויגען?

וואו זשע איז דער הויכער „תנא"
פֿון דעם קלעצקער, פֿון דעם בעלזער,
מיט די זיסע שטאַרקע טרעלען,
אויסגעדרעהט פֿון יונגע העלזער?

וואו זשע ווענט איהר אַלע קולות?
אַך, ווי באַנג אין קלויז דאָס שטומען?
און דער אַלטער שמש רידהרט זיך
און איך הער איהם טרויריג ברומען:

שען פֿון דיר, דו נוטער אורח
דו געדענקסט נאָך אַלטע יאָהרען...
יענע קלעצקער, יענע בעלזער
ווענען טאַטעס שוין געוואָרען.

וואנלען, פּלאָגען זיך אין גלות,
אין דעם לאַנגען, אין דעם ווייטען,
און די קלעצקערס, בעלזערס קינדער
ווענען, רופֿט מען עס, בונדיסטען.

טראָגען אַלע רויטע העמדלעך,
שווער פאַר יודען ווי דערקאָנען;
און פערוווילט זיך זיי נאָר פלוצלונג,
לאָזט מען זיך אין גאַנג מיט פאָהגען...

און עס ווערט אַ „שמחת תורה"...
ווילסט זיך זעהן מיט זיי, — טאָ העד־זשע,
נעה אַריבער יערען אָבענר,
דאָרט אַהינצו, אויף דער „בערזשע"...

סאַר'אַ הודזען, סאַר'אַ פליהען!
ווי די ביהנען, ווי די פליגען...
עפּים לערנען זיי דאָרט אויכעט,
נאָר בסוד אַלע, אָהן אַ ניגון...

אין דער היים.

דרויסען גיעסט דער רעגען,
אין עס וויינט דער ווינד;
אין דער היים צו זיצען,
אוי, ווי גוט איז צינד!

ס'מורמעלט שטיל די מאַמע:
ס'קומט דער ווינטער אָן!"
טרויע'ריג איז איהר שטימע,
דאָך ווי ליעב דער טאָן;

נעבעלדיג די שויבען,
דונקעל איז אין שטיב,—
דאָך צו זיצען דאָרטען
אוי, ווי ס'דאַרף זיין ליעב!

אומעטיג דער טאַטע!
אומעטיג פֿערטראַכט,
דאָך זיין שטומע ליעבע
אַלע אונז בעוואַכט.

VII.

יודישע מעלאריען.

איכה.

ס'נעמט מיר דורך דער אַלטער טרויער
אין דעם ניינטען־אָב ביי נאַכט — —
כ'הער, עס פאַלט פון שטאָדט דער טויער
און עס פלאַקערט אויף די שלאַכט.

ווי צורייצטע חי׳ת לויפען
אין דער שטאָדט דעם פיינד'ס חילות
און אין ווייער ווילדען לאַכען
ווערט פערטויבט דעם פאָלקס יללות.

ב'זעה אַ העליש־רויטען פייער
שלאָגט זיך אָב אויף טויזענד מיילען
און עס טראָגען זיך פון פונקען
ביז צום הימעל דיקע ויילען...

וואָס ערוואָרבען האָט יהודא
דורך פיעל יאָהרען לאַנגע, שווערע,
זעה איך ווערד פערוויסט, פערניכטעט
מיטן לעבען, מיט דער עהרע...

ס'נעהמט מיך דורך דער אַלטער טרויער
אין דעם ניינטען אָב ביי נאַכט —
אויף דער ערד, דעם קאָפּ געבויגען,
זיץ איך אָבל'דיג, פערשמאַכט...

און די שוהל איז פול מיט שאָטען,
פול מיט מתים, ווייסע, בלייכע — — —
ירמיהו שטעהט פאַר ד'אויגען,
שפרייט די הענד אויס, יאָמערט : איכה!...

אויפֿן ניל.

שווימט דאָס קעסטיל אויפֿן טייך,
אויפֿן נר יסען ניל,
שווימט דאָס קעסטיל רוהיג גלייך,
שווימט דאָס קעסטיל שטיל.

און די חוואַליעס רוישען ניט,
ריהרען זיך נאָר קוים,
ווי זיי וואָלטען ציטערען
אויפֿהייבען אַ שוים.

און די חוואַליעס גאָהען שטיל,
געהען זאַכט און לינד,
ווי זיי וואָלטען היטען זיך
טהון אַ לייד דעם קינד.

אָ, די חוואַליעס וענען דאָך
נישט ווי פּרעה האַרט:
ניט דערטרינקען וועלען זיי
דעם, אויף וועמען ס'וואַרט

אַ נעדריקטעס, שוואַכעס פֿאָלק
אונטער שטאַרקע הענה,
וואָס עס טרינקט זיך אין זיין שוויים,
ביי די ציגעל־ווענד.

אָ, די חוואַליעס וענען דאָך
נישט ווי פּרעה שלעכט,

מיט דערטרינקען וועלען זיי
משיח'ן פון קנעכט.

שווימט דאָס קעסטיל אויפ'ן טייך,
אויפ'ן גרויסען ניל,
און די חוואַליעס טראָגען עס
פאָרזיכטיג און שטיל...

משה.

איהר אַרבּייט פֿון פֿריה,
איהר אַרבּייט בּיז שפּעט,
בּייַן ציגעל און לעהם;
איהר גראָבט און איהר קנעט
און מויערט — פֿאַר פּרעה'ן
פּאַלאַצן און שטעדט.

— — — — — — — — — —

איך פֿיהל אייער לאַגע,
איך פֿיהל און איך וויים,
איך זעה איפּ'ן שטערן
די טראָפּען פֿון שוויים.

זיי רינען, די טראָפּען,
אַריין אין דעם ניל,
ער בּרויזט דאַן און קאָכט
און קען ניט זיין שטיל...

און טיעפֿער, אַלץ טיעפֿער
אוי, זינקט איהר אין זומפּ,
דאָס האַרץ איז פֿערפֿרוירען;
דער מח איז שטומפּ.

די אוירען פֿערשטאָפּט,
די אויגען פֿערשמירט,
איהר זעהט ניט, איהר הערט ניט,
ווי ר'וואָלט ניט געשפּירט...

און דאָרט אין דער וויטענס
געפֿינט זיך אַ לאַנד,

ווי זייד איז דער הימעל,
ווי פערלען דער זאַנד.

דאָרט רוישען די ווינדען,
ווי לויטער מוזיק,
דאָרט זינגען די פייגעל
פון אייבּיגען גליק —
און איהר שטעהט נעבּאָוועט
אין קייטען, אין שטריק"...

עס שטעהען די אַלטע
און קנייטשען די שטערען
און שרייען: „וואָס וויל ער,
וואָס לאָזט ער אונז הערען?

וואָס קומט ער צו רייצען
אונז אייבּיגע קנעכט?...
שוין לאַנג אַז עס דויערט,
עס בּלייבּט בּיי אונז רעכט.

אומזיסט נאָר, אָ ווערסטו
דיין צונג דיר פערדאַרבּען,
מיר וועלען בּיין לעהם
און בּיין צינעל שוין שטאַרבּען"...

טיעפער ווירקט עס אויף די יונגע,
פרישער איז בּיי זיי די וואונדען,
און עס האָבּען ווייערע הערצער
פלאַמענדיג זיך אָנגעצונדען:

און עס קלינגען יונגע שטימען
יאָ, געקומען איז די צייט.

אונזער שווערען יאָך צוברעכען
מיט דער לאַנגער קנעכטען־קייט.

אוים דער פּרעה, וואָס ער מאַטערט
אונז אָהן אָנפאַנג און אָהן סוף:
רויבט ביי טאָג די זון, די ליעבע
און ביי נאַכט — דעם זיסען שלאָף.

אוים די שוטרים און די צווינגער,
וואָס זיי גיבען נישט קיין רוה,
מיט קולאַקעס און מיט בייטשען
צו דער אַרבייט טרייבען צו...

און די קוקען ליעב אויף משה'ן
פול מיט האָפענונג אין בליק,
און עס ברעכען זיך די קייטען
און עס רייסען זיך די שטריק.

ווען כ'צינד די ליכטליך אן, די אכט...

פערלאָשען ווענען מיינע שטערען
און פינסטער איז די לאנגע נאכט,
דאָך הויבט מיר ליכטיג אָן צו ווערען,
ווען כ'צינד די ליכטליך אָן, די אכט!

מיין מאַכט און שטאָלץ איז לאנג אריבער,
דער ווילדער שונא שפּאָט און לאַכט;
עס לעבט דאָך אויף דער אַלטער גבור,
ווען כ'צינד די ליכטליך אָן, די אַכט!

עס שטומען אַלע מיינע לידער
פון גבורה, העלדענטהאַט און מאַכט,
דאָך קלינגען זיי אין האַרץ מיר ווידער,
ווען כ'צינד די ליכטליך אָן, די אַכט!

אַנ'אַלטע טרעהר מיין אויג פערדונקעלט
און האָט עס שיער נישט בלינד געמאכט,
דאָך זעהט ווי העל צוריק עס פונקעלט,
ווען כ'צינד די ליכטליך אָן, די אַכט!...

צו די חנוכה־ליכטליך.

אַלטער טרויער, ווער פֿערשוואונדען,
לאָז האָטש פֿרעהליך זיין אַ נאַכט;
אַלע ליכטליך אָנגעצינדען —
און דאָס אַלטע גליק ערוואַכט!
אָ, עס האָט אַרומגענומען
אונז די פֿינסטערניש געדיכט,
דאָך עס מוז איהר ענדע קומען,
ווען מיר צינדען אָן די ליכט!
זעה, ווי פֿרעהליך אין די שויבען
שפּיגעלט אָב זיך יעדער שטראַהל!
אָ, דאָס לייכט דער אַלטער גלויבען,
ער בעגלייט אונז איבעראַל...
זעהסט די ליכטעליך, ווי זענען
אַזוי שפּלידינג און קליין,
דאָך די פֿלעמעליך ווי ברענען
אייבּיג קלאָהר און אייבּיג ריין.
סלייכט די וועלט יענע פֿרומע,
וואָס זי האָט מיט קאַמפּף אין שטרייט
די געדריקטע, שוואַכע אומה
פֿון דעם שווערען יאָך בּעפֿרייט.

מיין פריינד, צי דו ווייסט?...

מיין פריינד, צי דו ווייסט,
ווּאָס הייסט און בעדייט
א ביטערע צייט?...
צי פיהלסטו וואָס הייסט
א פאָלק אין א צער,
א פאָלק אין נעפאַהר?...

*

צי פיהלסטו, מיין פריינד
ווי טיעף איז דער וועה,
ווען ס'הערט זיך פון פיינד
א בראַנפען־נעשרעה;

אַט ועהסטו — ער קומט
מיט רציחה און וואוט,
אַט הערסטו — ער ברומט,
און דאַרשט נאָך דיין בלוט.—

און האָסט ניט וואָהין
נאָך רעטונג צו נעהן,
נאָר ס'ידען צו איהם,
צום שונא אַליין!?...

*

צי פֿיהלסטו, מיין פֿריינד,
  וואָס איז דאָס אַזוינס,
אַ פֿאָלקיל אַ קליינס
  און גרויס איז דער פֿיינד?...

אָהן וואַפֿען, אָהן מוט...
און האָט ניט קיין שוץ,
און הפקר זיין נוטס,
און הפקר זיין בלוט!...

וואס מאכט איהר?

וואָס מאַכט איהר, איהר אָרימע ברידער
אין צעהנדלינג נעפּלינדערטע שטעדטלעך?
האָט איהר שוין אַריינגעשטעלט פענסטער?
האָט איהר שוין פערריכט אייערע בעטלעך?

האָט איהר שוין נדבות בעקומען,
וואָס רעגענט פון אַלע וועלט־עקען?
צי וועט עס, אָ, אָרימע ברידער,
די פענסטער אָנגלאָזען חאָטש קלעקען!

האָט איהר שוין בעוויינט אייערע טאַטעס
און מאַמעס, און שוועסטער, און ברידער?
צי ציטערט איהר אַלץ נאָך, ווי בלעטלעך
ביין קלענסטען, ביי'ן מינדסטען גערידער!

צי זיינט איהר נאָך אַלץ ניט פערוויכערט
מיט דעם, וואָס איהר רופט כלומר'שט לעבען!
צי דאַכט זיך אייך אַלץ נאָך, אַז ווייניט
האָט איהר זיי קרבנות געגעבען?..

צי גלויבט איהר אין בעסערע צייטען,
אין זיגע, און אין טרייסט און נחמה?
פערבלאָנדזשעט אַ מאָל חאָטש די האָפנונג
אין אייער פּויליאוש נשמה?...

דער ווינד.

א קלאַפּ האָט געגעבען דער ווינד אין מיין שטיבעל
און האָט עס אין גאַנצען צעטראָגען:
און באלד האָט דערהערט זיך אַ קנאַל פֿון אַ דונער
און האָט פיעל נפשות דערשלאָגען.

צי קען איך דען צירנען אויף ווינדען און דונער?
צי ווייסען זיי דען וואָס זיי טהו׳ן?
עס ברענט נאָר מיין צאָרען: ווי האָט עס געטראָפען
דען ליכטיג געשיינט האָט די זון?

דעם ווינד און דעם דונער — אָ, ווי בין איך מוחל
זיי ועגען ווי קרעפּטען, דאָך בלינד;
ווי האָט דאָן געלויכטען די זון אָבער, פרעג איך,
און רוהיג געזעהן אַזאַ ווינד?...

קידוש לבנה.

צחאמען־נעדריקט אין א רעדעל,—
אין נאַם — שטעהען יודען געבוינען;
מיט ליפּען פּערשמאַכטע פון הונגער,
מיט בענגשאַפט און צער אין די אויגען.

עס שטעהען פּעריתומ'ט די שטיבלעך
און קוקען אַזוי ווי דערשלאָגען,
ווי ז'וואָלטען אויף זייערע ־עבער
דעם יאָך פון דער געטטאָ געטראָגען.

און אַלץ איז אַרום אַזוי טרויריג,
אַזוי קאַלט, אַזוי גליטשיק און נאַס...
עס רייסט זיך די תּפלה אַלץ העכער,
עס ציטערט די לופט אין דער גאַס...

די כליינע לבנה אין הימעל
האָרכט אַיין ווי דערשראָקען און בלייך
און שיקט אירע שטראַלען אַרונטער
און קוקט אַזוי טרויעריג־ווייך...

דער מגיד.

אַ לאַנגע באָרד, אַ שענע באָרד,
דאָך ניט געפּוצט און ניט געקאַמט,
די פּאות לאַנג, געגרייזעלטע, —
דאָס פּנים לייכט, דאָס פּנים פלאַמט.

עס הילכט און קלינגט זיין שטאַרקער קול,
עס ציטערן די בית־מדרש־ווענד,
און ווי אַ מלאך זעהט ער אויס
מיט זיינע אויסגעשפּרייטע הענד.

געפּערילט איז דאָס מויל ביי איהם
עס שיטען זיך ווי פונקען פייער
די רייד, דער עולם שטעהט פּערטיעפּט
און יעדעס וואָרט איז ליעב און טהייער.

ער רעדט פון אַלץ, ער ווייס פון אַלץ,
פון „אייבּיג לעבען" נאָכ'ן טויט.
דעם צדיק „שכר" פערשפּרעכט ער פיעל,
דער עונש פון דעם רשע גרויט.

ער נעמט אַ פּסוק פון תנ"ך
וואָס האָט קיין זין און האָט קיין פּשט,
און דרשנ'ט איהם אַהער, אַהין
ביז וואַן ער מאַכט איהם קונציג־גלאַט.

פון עפּיס אַ גמטריא
בעווייזט ער ריכטיג, דייטליך קלאָהר,
אַז ס'איז די גאולה נאָהענט שוין, —
משיח קומט נאָך היינטיגס יאָהר.

דער עולם קוועלט... איין אנדערער
זיפֿצט אונטער זים: אָח, טאַטע, פֿאָטער!
עס וואָלט שוין טאַקי צייט געווען
פֿון וויסטען גלות ווערען פטור!...

ער נעהט אַראָב פֿערשוויצט און ווישט
דעם שוויים, פֿערגרייזעלט זיך די פאות
און קוקט אַהין צום „קערה" דאָרט,
וואו ס'קלינגען קופּערנע מטבעות...

נעהענדיג נאָך צווייגען.

דער שבועות קומט, דער שבועות קומט!
מען דאַרף דאָס שטיבעלע בעהענגען
מיט גרינע צווייגען — אָך, וואוהין
זאָל איך מיך ווענדען נעהן זיי ברענגען?...

נאָר זאַמד און שטויב האָט אונזער גאַס,
און וויסט פון בוימער, וויסט פון גראָזען!
וואו נעמט מען גרינס אויף שבועות, וואו?...
וואוהין, וואוהין זאָל איך מיך לאָזען?..

איך נעם זיך הינטער'ן נעסיל געהן,
וואו גוי'שע הייזעלעך זיך ציהען;
עס רוישט אַ בוים ביי יעדער שטוב
און ס'גרינען גראָז און בלומען בליהען...

עס קוקט דאָס אויג, עס קלעמט דאָס האַרץ
און ס'ווינט אין מיר די זעעלע מיינע;
עס ציהט דאָס הענדעל זיך צום בוים,
אין אויער קלינגט: אַוועק ניט דיינע!...

איך געה און געה — די זון זי שיינט,
דער הימעל ריין און קלאָר און הייטער...
עס וואַקסען בוימער אויפ'ן וועג —
איך, אָרים־קינד, געה ווייטער, ווייטער...

נאָך גרינס.

נאָך צווייגעליך קינדער, אין וואַלד לאָזט זיך גערן
— און פרעהליך מיט ליעדער כסדר,
אַזוי ווי עס וואָלט אויף די וועלט ניט געווען —
קיין רבי, קיין קאַנטשיק, קיין חדר.

נאָך צווייגעליך, קינדער, נאָך צווייגעליך געהט,
און פוצט אוים די אָרימע שטיבליך:
דער וואַלד איז ניט ווייט, הינטערן שטעדטיל ער שטעהט
און קוקט אַזוי וויך, אַזוי ליעבליך.

פערוואונדערט וועט ווערען דער אַלטער, דער וואַלד:
וואָס טהוען דאָ יודישע קינדער? —
דערצעהלט איהם: ס'איז שבועות — דערצעהלט עס איהם באַלד:
און זאָל איהם ניט זיין צו קיין וואונדער...

און זהמט זיך וואָס לעננער און רייסט וואָס מעהר אָן
ניט האָט פאַר די טאַטעס קיין מורא:
היינט מעגט איהר אין וואַלד זיין, מ'וועט גאָר נישט אייך טהאָן —
עס איז דאָך לכבוד דער תורה!

דער פּורים שפּילער.

דאָס ווייב איז קראַנק, דאָך נעהט זי אום
און טראָגט דעם וועהטאָג שטיל און שטום;
דאָס קינד האָט „טיף“ און ליעגט אין בעט,
און פּלוידערט אַלץ און רעדט און רעדט.

און יענקיל איז אַ שאַרבען אויך,
ער שפּייזט זיך נאָר מיט ליולקע־רויך
און מיט אַ קללה פֿון דעם ווייב:
„אַ בראָך, שלימַמזל, אין דיין לייב!“...

אין שטוב איז פֿינסטער נאַס און קאַלט,
די ווענט זיי שרייען, דאַכט זיך: גוואַלד!..
דאָס אויוועלע, וואָס ניט נעהייצט,
שטעהט, דאַכט זיך, בייז און אויפֿגערייצט...

* *
*

עס קומט די ליעבע פּורים־נאַכט —
עס האָט זיך יענקיל אויפֿגעוואַכט;
זיין ראָל ער לערנט מיט געפֿיהל,
ער נעהט באַלד שפּילען „פּורים־שפּיעל“...

„דאָס קינד איז, יענקיל, ביטער קראַנק“ —
ער טרייבט מיט גוואַלד דאָס בייז־געדאַנק,
„עס וועט באַלד זיין דיין ליב קינד'ס עק“! —
און יענקיל בעט: „אַוועק, אַוועק!“...

און יענקיל פּרובּט זיך לאַבּען שוין,
בּעקומען דאַרף ער דאָך זיין לוין...
עס ניסט זיך, ניסט זיך ווילד זיין בּלוט,
דאָך דאַרף ער, היינט דאָך לאַבּען גוט...

און יענקיל לאָזט דאָס קראַנקע קינד
און נעהט ערפּרעהן א רייך געזינד
און יענקיל שפּיעלט געשיקט זיין ראָל:
ער זינגט און לאַכט נאָך אויפ'ן קול...

צום מלוה.

(פון תומס).

ווען דיין ברודער, אַ נעדריקטער,
איינגעהויקערט, איינגעבוינען;
מיט אַ דאַרען, בלאַסען פנים,
מיט פערווײנטע, רויטע אויגען,

קומט צו דיר און עפּים לייהען
פאַר זיין הויזגעזינד אויף ברויט:
ווייזשע, מלוה, ניט קיין מערדער,
שינד פון איהם ניט אָב די הויט.

ווען עס וועט די נויט איהם צווינגען,
ווי עס טרעפט אין בייזען לעבען,
דיר, אָ, מלוה, אַלס אַ משכון
סלעצטע בגד אַוועקגעבען,—

זאָלסטו נאָר דאָס בגד האַלטען
ביז די זון וועט אונטערקומען,
דען דאָס בגד איז זיין קאָלדרע,
און דו האָסט זי צו נעהמען.

אָ, זיין איינציג לעצטען־בגד,
זאָלסט איהם, מלוה, ווידערקעהרען;
ביי נאַכט וועט ער צו מיר וויינען,
כ׳וועל ניט שוויינען ווינע טרערען...

VIII.

געמישטע ליעדער.

מעדעם ביבליאטעק
MEDEM LIBRARY
TORONTO

דאס טייעלע.

אין אַמעריקע דער מאַן,—
ס'איז איהר אַזוי באַנג.
ניט געשריעבען האָט ער איהר
שוין אַ האַלב יאָהר לאַנג.

פאַר אַוועקפאָהר צוגעזאָגט
האָט ער אַל דאָס גליק;
נעמען וועט ער זי אַהין,
אָדער קומען צריק...

און דאָס יונגע ווייבעלע
שלאָפט ני׳, צי זי וואַכט:
„האָט ער דאָרט אַן׳אַנדערע״?
נאָר פאַר איינס זי טראַכט!

ס׳נעמט קיין לוסט צום עסען אָן,
ס׳איז איהר ווינד און ווערה...
פרובען וועט זי אָנגיעסען
נאָר אַנלעזעל טהיי.

ליעגט אין גלאָז אַ טייעלע,
ליעגען ליעגט עס טיעף...
אָח, וואָלט עס אַרויפשווימען
וואָלט געווען אַ בריעף!

ס'איז אַ נוטעם טייעלע,
פֿיהלט דעם ווייבעל'ס פּייַן,
שווימט אַרויף אַ טרייסטענדרע:
ס'וועט אַ בריוועל זיין! —

און דאָס אָרים־ווייבעלע
מיט אַ פֿרייד זי וואַרט —
נאָר עס האָט דאָס טייעלע,
פּונקט, ווי ער גענאַרט...

אין גאַרטען.

עס רוישט דער אָרקעסטער אין גאָרטען,
עס טאַנצען די טענער אין לופט
און בלומען און רויזען און בוימער,
זיי ניעסען און שפּריצען מיט דופט.

און דאָרט אין דערמיט ביי דער הוידע,
א לאַכען א לוסטיגעס קלינגט;
דאָרט הוידען זיך גבירישע קיידער,
דערביי שטעהט די באָנע און זינגט:

„הוידעט זיך, הוידעט זיך, קינדערליך,
פרייליכער ציהט פאַר די שטריק!
ווייסט: נאָך אין אַייערע ווינדעליך
שיינט אייך שוין ליכטיג דאָס גליק!

„ועהט איהר ביי'ן פּאַרקאַן דאָרט סור'ען זיך
יונגעליך, קוקען אַהער,
ס'גלוסט זיך זיי אויב־עט צו הוידען זיך —
נאָך וואָס! עס פעהלט זיי ניט מעהר?!

„זענען קיין נעסט דאָ, קיין נויטיגע,
אָנקוקען זיי נאָר איז מאוס,
בנדים'ליך אַלטע און קויטיגע —
שמוציג די באָרפיסע פיס.

„שקצים! אַך זעהט ווי זיי קלעטערען,
ווילען אַריינגעהן מיט גוואלד —
נאַרען! אומזיסט איז זיך מאַטערן:
מען וועט די אַרויסוואַרפען באַלד.

„איהר אָבער דאַרפֿט זיך נישט נגב'ענען
אָפֿען דער טויער פֿאַר אײַך,
ס'וועט אײַך דער וועכטער נאָך חנפֿענען,
ווײַסט איהר פֿאַר וואָס? איהר זענט רײַך.

„דאָס איז אַ סגולה אַ טײַערע
ס'עפֿענט אַ טהיר אומעטום
אַלעם איז אײַערע, אײַערע —
קוקט זיך צום פֿאַרקאָן נישט אום!

הוירעט זיך, הוירעט זיך, קינדערליך,
פֿרעהליכער ציהט פֿאַר די שטריק:
ווײַסט: נאָך אַן אײַערע ווינדעליך
שײַנט אײַך שוין ליכטיג דאָס גליק...“

בּיי דעם גאָרטען.

בּיי דעם גאָרטען שטעהט דער אָרמער
אָבגעשליסען, אָבּגעריסען!
קוקט, ווי ס'אַרבּייט טריי דער וועכטער
בּוימער, בּלומען צו בּעניעסען.

לאַנג, שוין לאַנג האָט ניט געזעהן,
אין חלשות בּלומען פאַלען,
און עס מינטערט זיי דער וועכטער
מיט די וואַסער פון די קוואַלען.

און מקנא איז דער אָרמער
יעצט די בּוימער און די בּלומען;
הונגריג איז ער און פערלאָזען,
און ער האָט ניט וואו צו קומען.

און פאַר איינזאַמקייט, פאַר עלענד
מוז ער אַזוי יונג פערדאַרען,
קיינער וועט איהם ניט דערפרישען,
ווען קען זיין וועלקען אַרען?...

קנייטשען.

אויסגעזועצט אין טיעפֿע קנייטשען
איז זיין הויכער, ברייטער שטערען,
אויסגעקריצט האָט עס דער מזל —
די בעשרייבונג פֿון זיין לעבען.

ס'איז אַ לאַנגעם בוך, אַ לאַנגעם
יעדער קנייטש איז אַ קאַפּיטעל;
ווילט איהר — קען ער זיי אָנרופֿען
אַלע, אַלע מיט די נעמען.

איין קאַפּיטעל הייסט: „אָהן ליעבע"
און דער צווייטער איז: „דאָס בענקען" —
„טעג — געבלאָנזשעט אין די גאַסען",
„נעכט אַליין — אין וויסטען צימער"

און דער פֿינפֿטער און דער זעקסטער —
אַלץ אַ זעלכע קאַלטע נעמען —
און דער מזל שרייבט און שרייבט נאָך —
אַלץ די זעלבינע קאַפּיטלען.

ביז עס וועט אַ קנייטש נאָך קומען —
ס'איז דער טויט — אַ לעצט־קאַפּיטעל,
און די מעשׂה איז געענדיגט —
שאַדע! ס'וועט זי קיינער לעזען...

פֿערגראבענעם גליק.

ווייט פֿון שטעדטיל, פֿאַר'ן וועלדיל
ציהט זיך ברייט פֿון בערג א קייט,
און אויף איינעם פֿון די בערגער,
ווי א ריז, א שטיין דאָרט שטעהט.

און די איינוואָהנער פֿון שטעדטיל
ווייסען מעשׂ'ות פֿון איהם פעק
און דערצעהלען ווי די מעשׂיות
ציטערט שטיל דאָס האַרץ פֿאַר שרעק.

און דערצעהלען ווי די מעשׂיות
טהוט דאָס הארץ ווי וועה און באַנג:
ס'האָבען קעניגען געקעמפּט דאָ
און געקעמפּט מיט וואוטה און לאַנג.

און דאָס בלוט האָט דאָ גערונען,
ס'איז געפֿאַלען ניט איין העלד;
ניט אומזיסט איז נאָך עד היום
אווי גרין אַרום דאָס פֿעלד...

און די רייכקייט פֿון די מלכים
ליעגט פֿערגראָבען טיעף אין דר'ערד,
צו בעקומען דאָך די אוצרות
איז קיין מענשען ניט בעשערט.

ווייל א מכשף האָט פֿערשאָלטען:
— ביז איז ער געווען און אַלט —
חער ס'וועט גראָבען דאָ די אוצרות
דעם פֿערשלינגט די ערד נאָר באַלד.

יאָ, עס ליגנען גרויסע אוצרות,
אונטער'ן שטיין דאָ — זילבער, גאָלד,
דאָך נאָך מעהר פאַר גאָלד און זילבער
האָט דער מענש זיין לעבען האָלד...

און אז ס'קומען ד'אָרמע מענשען
פון דעם שטעדטעלע אַהער,
בלייבען זיי ביי'ן שטיין פערגליווערט
און עס דריקט דאָס הארץ זיי שווער.

און עס זיפצט ארוים אַנ'אַנדערער
מיט אַ צאָרענדיגען בליק:
אויף דער ערד אזוי פיעל דלות,
אין דער ערד — אזוי פיעל גליק!...

הערבסט־ליעדער.

I.

ס'ניעסט א גאנצען טאָג דער הימעל,
אָה, א שוואַרצער ים איז איבען!
און עס קייקלען זיך די טראָפּען
אויף די טרויעריגע שויבען.

און מיר דאכט זיך, יעדער טראָפּען
איז אַ ברענענדיגע טרער
אויף די וויסטע שלעכטע צייטען,
וואָס עס לעבט זיך אַזוי שווער.

יעדער שאָרך פון ווינד אין פענסטער,
דאַכט מיר, איז אַ טיעפער קרעכץ
איף דער מענשהייטס אַלטען וועהטאָג,
אויף איהר עלענדקייט און שלעכטס!..

II.

ביין פענסטער שטעהט אַ ביימעלע
נעבויגען, טרוקען, דאַר;
עס האָט דער הערבסט איהם קראַנק געמאַכט —
איך קען ניט זעהן דיין צער!

פערצווייפעלט שאָקלען זיך ביי איהם
די דאַרע צווייגליך אום,
עס וויינט: אך זעה ווי פינסטער שוין
ווי טרויעריג אַרום!

מיר דאַכט זיך, אַז עס רעדט צו מיר:
„אוי, אונגליקליכער מאַן,
צי איז אויף בליהען נאָך פאַר אונז,
אַ האָפענונג פערהאַן?!

צי ווערט די זון, די וואַרעמע,
נאָך קומען ווען אַ העד?
אוי, הער — דער ווינד קלאָגט יאָמערליך,
די לופט — ווי פול און שווער"!

III.

וואָס וויל ער, דער רעגען? וואָס קאַפּעט ער, וואָס?
וואָס רינט ער אָהן אויפהער, וואָס רינט ער אָהן מאָס?
ווער דאַרף איהם, ווער בעט איהם און וואָס איז זיין מיין?
ווי נאַריש, ווי נאַריש — איך קען ניט פערשטעהן!

און וואָס וויל ביי'ן פענסטער דער איינזאַמער בוים,
וואָס שטעהט ווי פערייאוש'ט, וואָס אָטהעמט נאָר קוים,
צו וואָס איז זיין תכלית ביי אונז דאָ געשטעלט?
וואָס בליהט ער, וואָס וועלקט ער ביי אונז אויף דער וועלט!

וואָס ווילען די מענשען, וואָס געהען אין נאַס?
עס איז אַזוי קאַלט, אַזוי פייכט, אַזוי נאַס!
וואוהין, און צו וואָס? און וואָס שלעפּט מען זיך אום?
ווי נאַריש איז אַלץ דאָ, ווי נאַריש אין דום!

IV.

ס'איז דער הערבסט נעקומען,
ס'וועלקען בוים און בלום;
נעלע בלעטער זעה איך
וואלגערען זיך אום.

ס'קומט א ווינד א קאלטער
פייפט א ליעדעל צו
און די ארמע בלעטער
האבען ניט קיין רוה:

הייבען זיך און טאנצען
טויטערהייט, אהן מאכט;
און דער ווינד דער בייזער
פייפט און שפיעלט און לאכט....

V,

דער הימעל איז פינסטער, די ערד, די איז וויסט,
א רעגענדיל קאלטינקע טראפעליך גיעסט.
אין לופט, דאכט זיך, הענגט דארט א שווארצע קאטעדרע,
ס'לעזט עמיץ א לעקציע אויף „בראשית" דער סדרא.

ווי מאכטלאז, ווי פויל און ווי קאלט איז זיין לעזען:
„אזוי איז די וועלט פון אמאל נאך געוועזען:
נאר תהו ובהו, און לעדינג און וויסט!" — —
א רעגענדיל קאלטינקע טראפעליך גיעסט...

VI.

מיט התלהבות זינגט דער ווינד
און צעקאָכט איז ער אין גאַנצען,
שוואַכע בלעטליך פֿון דער ערד
דרעהען זיך און טאַנצען.

און נאָך העכער גרייפֿט דער ווינד
גרייפֿט דאָס ווילדע זינגען –
שוואַכע בלעטליך פֿון דער ערד
דרעהען זיך און שפּרינגען.

אָ, דו בייזער, בייזער ווינד:
נאָר דו זוכסט דיר פֿערגעניגען!
האָסט זיי אָבגעפֿליקט פֿון בוים,
לאָז זיי איצט שוין רוהיג ליעגען!...

VII.

און עס ווייגט דאָס האַרץ אין מיר
אויף די בלעטעליך די גרינע,
ווען פֿערגעלט, פֿערדאַרט, פֿערוועלקט
פֿאַלען, פֿאַלען זיי אין רינע.

און עס קלעמט דאָס האַרץ און קלעמט
ווען איך זעה דעם בוים, דעם העלד,
ליעגט, דערשלאָגען פֿון אַ בליץ
אויסגעצויגען אויפֿ'ן פֿעלד.

און עס דריקט דאָס האַרץ פּאַר וועה
ווען דעם ווייסען שנעע אויף דר'ערד
טרעטען מענשענס שווערע טריט,
טרעטען, שמוצען איין די פּערד.

און עס ניעסט מיין אויג אַ טרעהר,
ווען דאָס אָרמע, שענע קינד
וועלקט אין קעלער פּאַר דער צייט,
וועלקט פּאַר נאָר נישט, וועלקט אָהן זינד...

VIII.

כ'האָב פיינד די זון, כ'האָב פיינד די לבנה,
כ'האָב פיינד די אַלע שטערען;
כ'האָב ליעב דעם שטורעם און די וואָלקען,
כ'האָב ליעב דעם הימעל'ס טרערען.

כ'האָב פיינד די רויזען און די ליליען,
כ'האָב פיינד די אַלע בליטהען;
כ'האָב ליעב דאָס עלענד־טרוקען־בוימ'על,
וואָס וואַקסט אין פעלד אין מיטען.

כ'האָב אַלעס פיינד, וואָס לייכט און פינקעלט,
וואָס דיענט נאָר צו בעשיינען,—
כ'האָב ליעב נאָר דאָס וואָס אָרעם, עלענד,
דאָס, וואָס מען דאַרף בעוויינען...

IX.

אין א שטילען טאג.

ועהסט דעם גראָהען הימעל
אין אַ טאָג אַ שטילען,
ווי די חמארע רוקט זיך
פויל, אָהן מוט, אָהן חילען...

קיים עס בלאָזט דאָס ווינטעל,
קיים עס טריפט דער רעגען
ווי זיי וואָלטען פוילען
שטאַרקער זיך בעוועגען...

את פערקיהלט און מאַכטלאָז
ווערד דאָס גאַנצע לעבען — —
וואָלט אַ דונער איינמאָל
חאָטש אַ קלאַפּ געגעבען! —

ערד אין הימעל.

שכנים וועגען ערד און הימעל,
וואוינען לאַנג שוין קעגען־איבער,
זייט עס האָט זיי גלייך בעשאַפען
גאָט דער גוטער, גאָט דער־ליעבער...

נאָר אַ רייכער איז דער הימעל;
האָט לבנה, זון און שטערען;
און די ערד איז וויסט און אָרים—
זי פערמעגט קוים עטוואָס טרערען...

און עס קוקט דער רייכער הימעל
אויף דער ערד מיט שטאָלצע בליקען,
איז ער אויפגעלעגט, דאַן לאָזט ער
דריי־פיער שטראַהלען ליכט איהר שיקען...

און די ערד — זי דאַנקט און דאַנקט איהם,
ס'שמייכעלט זיך דאָס פנים איהרע,
און די קינדער איהרע אָרמע
זינגען דאַן דעם הימעל שירה.

דער אבגעקויפטער דיכטער.

דער פרייז איז צוואַנציג קאָפּיקעס
פֿאַר אַלע זיינע ליעדער,
און טאָמער קענט איהר דינגען זיך,
דאַן געהט דער פרייז דערנידער.

און טאָמער קענט איהר דינגען זיך
און קרימען די געזיכטער,
דאַן האָט איהר פֿאַר אַ גילדען נאָר
דעם גאַנצען, גאַנצען דיכטער.

דאַן וועט אייך פֿאַר דעם גילדען נאָר
דער דיכטער באַלד געהערען,
זיין ליעבע און זיין האָפֿענונג
און אַלע זיינע טרעהרען;

זיין יוגענד און זיין געגענוואַרט,
זיין גלויבען און זיין פֿייער,
זיין צוקונפט איז אויך אייערע,
זיין קבר איז אויך אייער...

אברהם רייזען.

*　　*
*

כ׳וויל זיך מיט מיין מוזע נט׳ן,
ז׳האָט קיין גליקען מיר געבראַכט,
כ׳בין פֿון איהר פֿערשוואַרצט געוואָרען,
קראַנק נאָר האָט זי מיר געמאַכט.

נו, זיך נט׳ן... וואָס׳זשע קלעהרסטו ? —
נעם די ליעדער און פֿערברען...
ווילט זיך אָבער אויך דאָס גט׳ן
גלייך בעשרייבען מיט דער פען...

און עס ווערט א נייע ליעדעל,
און די מוזע שמייכעלט ליעב:
אָרמער זינגער, בלאַסער זינגער,
דו ביזט מיינער ביז׳ן גריב...

*
* *

אויפ'ן הימעל די לבנה
שווימט פערטרויערט און פערקלערט;
מיט איהר היילינ — געלען פנים,
קוקט זי פרום אראב אויף ד'ר'ערד.

זי געדענקט — אין אלטע צייטען
האט מען זיך צו איהר געבוקט,
פאר א געטין זי גערעכענט,
אויף איהר הילף ארויס געקוקט.

נאר די וועלט איז קלוג געווארען,
און זי קרענקט און ליידט דער פון:
אלע ווייסען, אז זי גנב'ה'ט
ליכט און שטראהלען ביי דער זון...

די שטארבענדע זון.

זעהט, די זון פערגעהט,
אָח, ווי זי איז רויט,
רויט אין בלוט געפאַרבט,
זעהט, ווי שען זי שטאַרבט.

און דער אַלטער וואַלד אַרום
בייגט זיך נאָכטספורכטיג און שטום:
שעפטשעט: באַלד איז שוין איהר ענד:
וואָס האָט זי אזוי געברענט?

אין פֿעלד.

איך גײ אום אין פֿעלד —
ווי ברייט און ווי פֿריי!
אַ פֿײגעל פֿליהט דורך
און טראָגט זיך פֿאַרביי.

און מילד לייכט די זון
און ווייס ניט פֿון קאָרג:
מיט שטראַהלען בעגילדט
האָט זי טאָל און בארג...

אין שטאָדט איז מיר ענג,
אין שטאָדט איז מיר שווער,
ענטלאָפֿען פֿון דאָרט
בין איך יעצט אַ הער...

איך גײ אום אין פֿעלד,
דאָס האַרץ עפּיס שרעקט...
מיר דאַכט זיך, איך הער
אַ קול, ווי עס פֿרעגט:

וואָס טוסטו דו דאָ, מענש,
און וואָס איז דיין ציעל? —
דאָ איז אַזוי ריין,
דאָ איז אַזוי שטיל!...

בעגראבען.

בײַ דער אַרבײט זיצט דער שוסטער,
זיצט דער שוסטער קראַנק און בלאַס;
קלאַפּט די צװעקליך, ציהט די דראַטװע,
קוקט ד׳ערבײַ אַרױס אין גאַס.

נאָר ער זיצט צום הימעל העכער,
ערגיץ אױפֿן פֿינפֿטען שטאָק;
— אָה, די גאַס, זי איז בעהאַלטען!
זיפֿצט ער, קלאַפּענדיג אַ צװאָק.

ניט קײן גאַס און ניט קײן הימעל,—
הײזער האָבען אַלץ פֿערשטעלט,
און אידם דאַכט זיך, אָבגעריסען
איז ער פֿון דער גאַנצער װעלט...

אַז ער ליעגט אין גרוב בעגראָבען,
דאַכט זיך צײטען־װײז אידם אױך —
באַלד פֿערחאַפּט ער זיך: אַ טעות!
קען אַ קבר זײן װי הױך?...

אין גאס.

„ווי פריילעך אין גאס איז!" — דו פרעהסט זיך מיין קינד —
דו וועהסט נאָר דערנעבען, און ווייטער — שוין בלינד;
דו וועגד נאָר דיין אויג אָב אַהינצו. אין מיטען:
אָט, דאָרטען, וואָס טהוט זיך — זאָל גאָט נאָר בעהיטען!

אָט וועהסטו: עס שלעפּט זיך א קאַסטען אין גאַס...
ווי שלעפּט זיך א קאַסטען? אָ, ביטערער שפּאס!
עס שלעפּט איהם אַ יודעל פון קאַסטען נאָך קלענער;
ער שלעפּט און ער טרייסט זיך: „אַ צעהנער, אַ צעהנער!"

וועה ווייטער: אַ יודעל, ווי דאַר און ווי געלב!
אויף זיך אליין טראָגט ער די גאַנצע געוועלב —
אָ וועה — ווייגע אויגען זיי גלאָצען און שטאַרען —
א וועקסעריל פריון! זיי קוקען און האַרען...

און ווייטער: אַ דראָשקע-דער פוהרמאַן ער זיצט,
דער קאָפּ ווינער וויעגט זיך, דאָס היטעל געגליצט —
ביזט חושד: אַ שכור... אָ גאָט וועט דיך שטראָפען!
דאָס האָט ער אַ גאַנצענע נאַכט ניט געשלאָפען.

און ווייטער און ווייטער — דו וואַרפט נאָר דיין בליק:
מען הייבט עפּיס וועמען פון דר'ערד אויף מיט שטריק—
עס שטעלט זיך אָב יעדער — אַקוק טהון א בעלן:
דאָס איז אמטער משא אַ פערדיל געפאַלען...

ווי פריילעך אין גאַס איז! דו פרייסט זיך מיין קינד,
דו וועהסט נאָר דאַנעבען, און ווייטער שוין בלינד —
דו וועגד נאָר דיין בליק אָב אַהינצו אין מיטען,
אָט דאָרטען וואָס טהוט זיך — זאָל גאָט נאָר בעהיטען!

*   *
*

טרויריג קוק איך אייפן מענשען,
וועלכען ריהרט נישט קיינע טרערען,
וואָס זיין האַרץ איז ווי פערשטיינערט —
וויל פון צוויטענם וועה נישט הערען.

וואָס ער וויל נישט העלפען קיינעם,
און פאַר זיך נאָר אַלם בעהאַלטען...
טרויריג קוק איך און בעדויער:
„אוי, ווי גאָט האָט דיך פערשאָלטען!...“

*   *
*

אָ, וואַרף מיר ניט פֿאָר, דו מיין פֿריינד:
„דאָס לעבען איז שטאַרקער פֿאַר דיר —
דו ליעגסט אַ דערשלאָגענער היינט,
און קענסט זיך ניט געבען קיין ריהר".

אָ, וואָלט זיך נאָר ווענדען אין קראַפֿט
האָב איך עס פֿערמעגט דאָך גענוג,
נאָר ס'לעבען האָט דומהייט געדאַרפֿט,
און איך בין געוועזען צו קלוג.

די אונדאנקבארע פייגעל.

—„וועה!“.. ברעכט אַרוים דער אַלטער וואַלד
מיט שטורעם און געוויין —
וואו זענען זיי, וואָס האָבען זיי
געלאָזען מיך אַליין!

איך האָב דאָך יעדעס פייגעלע
פערזאָרגט מיט גיטען קעסט;
געגעבען פרייהייט: שפרינגט און זינגט,
צי ליעגט בערוהט אין נעסט.

און ווי דער ערשטער ווינד פון הערבסט
האָט זיי נאָר אָנגערירט, —
צופליגען זענען זיי פון מיר,
דעם „זיי געזונד“ געפיהרט!..

* *
*

אַלע נאַכט די זעלבע שטערן,
אַלע טאָג — די זעלבע זון;
גאָט, ווי טרויעריג איז דיין וועלטיל!
גאָט, איך ווייס ניט וואָס צו טהון.

ס'איז מיר אומעטיג צו לעבען —
ס'בלאָזט אויף מיר פֿון אַלץ אַ קעלט;
אַלץ די זעלבע, אַלץ די זעלבע —
גאָט, בעשאַף אַ נייע וועלט!

* * *

לי הכסף, לי הזהב!
האָט זיך ניט נעשעמט גאָט ואָנען,
און די גאַנצע וועלט איז מיינע
און איך דאַרף איך אַלע טראָגען.

מיינע גרויסקייט, מיינע גוטסקייט
דאַרף איך שטענדיג אייך בעווייזען,—
אייך, איהר פרעסער, מיט די קינדער
דאַרף איך קליידען, דאַרף איך שפייזען.

זאָלט איהר – זעדט! – מיר עהרליך דיענען,
קיינמאָל מיר נישט אָנצוטרעטען,
און פאַר אייער לעבען דאַרפט איהר
שטענדיג וויינען, שטענדיג בעטען...

נאך מיין הערצענס בגעהרען.

איך ווייס ניט וואָס קלוג איז, איך ווייס ניט וואָס נאַריש,
עס ברעכט זיך מיין מח פון קלערען,—
און וועל איך מיר טהון נאָר אַזוי, ווי ס'נעפעלט מיר,
און פאָלגען מיין הערצענס בגעהרען!

איך ווייס ניט וואו בלומען, איך ווייס ניט וואו דערנער,
איך ווייס ניט, וואו פרייד און וואו טרעדרען,—
און וועל איך מיר נעהן אין דעם וועג, וואו עס ציהען
און רייסען די הערצענס בגעהרען!

איך ווייס ניט וואו טויט איז, איך ווייס ניט וואו לעבען,
דעם אמת וואו קען מען דען הערען? —
נו, שטילער דו מח, און, קאָבינער, הארץ!
בערפיל דיינע אַלע בגעהרען!..

 אברהם רייזען.

ליכט.

קארג געווען איז אונזער רבי,
און ער פֿלעגט קיין ליכט נישט ניטצען
פֿון נאָך מנחה ביז נאָך מעריב —
אין דער פֿינסטער הייסט ער זיצען.

און כדי אונז צו פֿאַרנעהמען,
אַז מיר זאָלען זיך ניט שטיפֿען,
פֿלעגט ער דאַמאָלס אונז פֿערצעהלען
טויזענד ווילדע, אַלטע מיפֿען.

אין אַ ווינקעל נעבען אויבען
פֿלעגט ער פֿיעל און פֿיעל פֿערצעהלען,
פֿון פֿערכשפֿטע פּאַלאַצען,
פֿון פֿערבאָרגענע טיעפֿע הערלען.

פֿון מכשפים, מכשפות
און פֿון רוחות און פֿון שדים,
און פֿון לצים, וואָס זיי טאַנצען
אין די פּוסטקעס אויפֿ'ן בוידעם: —

און ער האָט מיט זיינע מעשיות
אונזער חוות אויסגעצויגען:
שדים, רוחות און מכשפים
פֿלעגען שטעהן אונז פֿאַר די אויגען.

אָך ווי שרעקליך! שטיל און פֿינסטער...
ס'קינדערש'האַרץ קלאַפּט אונגעהייער..
און מיר פֿלעגען זיך צעוויינען:
רבי, רבי, צינד אָן פֿייער!...

און אַ וואונדער! ווי דער רבי
פּלעפּט אַ ליכטעל נאָר אָנצינדען,
פּלעגען אַלע בייזע רוחות,
שדים, לצים גלייך פֿערשווינדען...

צו דער פרייהייט.

האָם געדויערט עס אזוי,
ליעבע פרייהייט, גוטער מלאך?
קומסט און קומסט און ביסט ניטאָ —
האָסטו דען אזא מהלך?

אָדער אויפן וועג אין גאַנג,
האָסטו אָבגעשטעלט זיך ריידען
מיט אַ פריינד, וואָס קעמפפט פאַר דיר,
און מען האָט פערזעצט אייך ביידען?

אָדער די, וואָס שיקען דיך,
נאָך געוועהנט פון אַלטע צייטען,
האָבען יעצט אויך דיך געשיקט
מיט עטאַפּ, געשמידט אין קייטען?

אָדער געהענדיג צו אונז
דורך רואינען און מדבר׳יעס,
ביזטו נאָר אַראָב פון וועג
און פערבלאָנשועט אוש קיין פרס?...

פרייהייט! וואָס האָט דיר פאַסירט?
ס׳ברענט דאָס האַרץ פאַר שרעק און בייגען:
ס׳איז ניטאָ אפילו ווער
זאָל אַ גרוס פון דיר יעצט ברייגען...

דאס אייבּיגע ליעד.

וואָס שאַפט איך, וואָס זינג איך ?
מיין חבר, דו פרעגסט —
כ'מאַך נייע נגונים
צום אייבּיגען טעקסט.

„בזיעת אַפּיך" —
איך פיהל עס און וויים —
„דיין ברויט זאָלסטו עסען
מיט בלוטיגען שוויים".

„זאָלסט שטענדיג זיך מיהען
אין נאַס און אין שטוב,
„עד שובך" — ביז וואַנען
וועסט קומען אין גרוב".

די תורה, מיין חבר,
הויבּט אָן זיך דערמיט,
און ס'נעהמט גאָר קיין ענדע
ס'פערשאַלטענע ליעד...

אברהם רייזען.

איך זוך דיך...

איך זוך דיך, דו אָרעמע, בלאַסע, מיט אײנגען
פֿערטראַכטע, וואָס איטליכעס בליק
פֿערצעהלט גאָך א װיסטען און עלענדען לעבען:
אָהן נחת, אָהן ליעבע, אָהן גליק!

אָ! קום צו מיר, אָרימע, לײדענדע װעלט,
וואָס ד'האָסט, װי אַ בלימעל אין פֿעלד,
געטריקענט, געװעלקט אין די יאָהרען די יונגע,
פֿערלאָזען פֿון מענשען און װעלט.

איך זוך דיך און װיל פֿאַר דיר פֿאַלען און בעטען:
דו עלענדע! גיעב מיר דײן האַנד!
עס האָט אונז פֿעראײניגט אײן מזל א שװערער, —
מיר װעלען אידם טראָגען באַנאַנד!

*
*   *

זיין אויג איז פֿערדהונקעלט, זיין אויג איז פֿערטרערט,
קיין ליעבּליכען וואָרט האָט זיין האַרץ ניט געהערט;
אַנ׳עלענדער, איינזאמער געהט ער אַרום —
דאָס לעבּען, דאָס פֿרייליכע רוישט אומערום.

און ער איז אַליין און פֿערטרויערט, פֿערטראַכט,
ער רעדט נאָר מיט שטערען פֿון הימעל בּיי נאַכט,
ער רעדט מיט אַבּוימ׳על, ער רעדט מיטן ווינד,
זיי זאָגען איהם יעדער: בּיזט עלענד מיין קינד!

בּיזט עלענד, בּיזט איינזאַם, מיר פֿיהלען דיר מיט,
נאָר העלפֿען, אָ העלפֿען דיר קענען מיר ניט!
און אָפֿטמאָל דערהערט ער אַקרעכץ פֿון דעם ווינד:
ווערסט שטאַרבּען אָהן ליעבּע — פֿערפֿאַלען, מיין קינד!

דער חדר פֿון לעבען.

אוי, ווילט זיך ניט, ווילט זיך ניט געהן מיר אין חדר,
אין קויטיגען חדר פֿון לעבען,
דער מאוסער רבי, דער בייזער, דער אַלטער
זאָל לאַנגווייליג שמיצעליך געבען..

עס ווילט זיך ניט פֿרעגען די נאַרישע קשיות,
ניט הערען דעם נאַרישען תירוץ;
אוי, ווילט זיך ניט הערען, וו'אַזוי מען פֿערטייטשט דאָרט
וואָס כבוד, וואָס ס'הייסט „דרך־ארץ"...

עס ווילט זיך ניט לערנען, מיט אַלע תלמידים
די ספרים, די אַלטע, פֿול שימעל:
עס' ווילט זיך ניט הערען די בייכער־געשרעהען,
דאָס ווילדע, דאָס נאַרישע טימעל.

איך בין דאָך אַ יונגעל מיט האַרץ און געפֿיהלען,
איך האָב אין זיך אַנדערע כחות...
אוי, ווילט זיך ניט לערנען אין נאַרישען חדר,
צוזאַמען מיט פֿויערשע מוחות...

צו שכּורים.

ר'זוילט אַ פּאָר יליכם הערען?
נעהמט אין שיינק!
איך ווייס אונגליק, איך ווייס טרערען, — — —
איך געדענק!

ר'האָט אַמיטאָג אָבגעגעסען
און מיט וויין,
און איהר ווילט אָן אַלץ פֿערגעסען,
פֿריילִיך זיין.

און איהר קומט צום בלאַסען דיכטער:
זינג פֿון פֿרייד!
ניין, איך קען ניט — איך בין ניכטער —
זינג איך לייד!

איך בין ניכטער און מיר זעהט זיך
וואָס איהר טהוט,
און איך הער אַ קול עס בעט זיך:
שווייג קיין בלוט.

יענעם קול נאָר מוז איך פֿאָלגען,
כ'פֿיהל איהם מיט,
און אָהן אויפֿהער ועט פֿערפֿאָלגען
איך מיין ליעד...

בײַ אונז אין לאַנד.

פון א בריעף.

ליעבער פריינד, בײַ אונז אין לאַנד
איז דאָם לעבען טויט און מאום...
ס'איינצינ פרייע פײַנעל־ליעד
הערט מען ווינגען נאָר אויף תליות.

ליעבער פריינד, בײַ אונז אין לאַנד
אַרבײַט ועלטען א פאַבריק;
איינע נאָר — וי שטרייקט קיינמאָל:
שמידט אונז קייטען, פלעכט אונז שטריק...

ליעבער פריינד בײַ אונז אין לאַנד
נעהט דאָם לעבען — קוים עס קריכט;
נאָר דער טויט — ער רייט גאַלאָפּ
אויפן שוואַרצען פעלד־געריכט...

ליעבער פריינד, בײַ אונז אין לאַנד
הייסט אַ חסד — ווייסטו וואָם?
שטאָט צו הענגען אויף אַ שטריק —
טוידטען מיט א ביקסען־שאָם...

ווער עס האט...

ווער עס האָט אַ טעמפּעל,
ווער עס האָט אַ קלייזעל,
ווער ס׳בעזוכט אַ שיינקעל,
ווער — אַ פרעהליך־הייזעל.

עפּיס מוז מען האָבען,
איינעם מוז מען גלויבען:
צי אַ טייפעל אונטען
צי אַ גאָט דאָרט אויבען...

האָסטו אָבער קיינעם,
ווילסט נאָר אַלץ פערהאַסען,
וועסטו, ווי אַ קין,
בלאָנזשען אין די גאַסען.

און עס וועט דיר ווייכען
יעדערער פון עולם,
און די וועלט די גאַנצע
איז דיר אַ בית־עולם...

*   *
*

צווישען טויזענר שלעכטע מענשען
מיט פערשטיינטע האַרץ און זינען,
קען זיך איינער אויך אַ גוטער
אפשר, אפשר ווען געפינען.

נאָר ניט זוך איהם, פריינד, מיין אָרמער,
ס'וועט נעדוירען צו פיעל יאָהרען;
ביז דו וועסט איהם אויסגעפינען
וועט איהר ביידע געהן פערלאָרען...

צום ארבייטער.

(פיין בעל־הבית'ס טהיר.)

וואָס האָסט זיך דערשראָקען, מיין אָרימער ברודער,
און שטעהסט ביי דער טיהר, ווי דו ווייגסט?
עס האָט דיר דערשראָקען דער גלאַנץ פון די וואַלען,
דו וועסט זיי פערשמוצען — דו מיינסט.

אוי, אָרימער ברודער, אוי, נאַרישער ברודער,
געה ווייטער און זעץ זיך אַוועק...
דו וועסט ניט פערפלעקען דאָס נאָלר פון די וואַלען —
דיין זעלע איז ריין, אָהן אַ פלעק.

אוי, אָרימער ברודער, אוי נאַרישער ברודער,
וואָס האָט דיר די אויגען פערבלענדט?
וואָס שטעהסטו און גלאָצסט און בעטראַכסט אלץ פערוואונדערט:
דו האָסט ניט דיין אַרבייט דערקענט?...

א חלום...

איך האָב געהאַט אַ גוטען חלום:
מיין מאמע איז צו מיר געקומען
פון יענער וועלט, פון ליכט און שטערען,
פון שכינה־שטראהלען, ווייסע בלומען...

זי איז, אַ ליעבע און אַ באַנגע,
געבוֹיגען פאר מיין בעט געשטאַנען,
און האָט מיר עפּיס שטיל געפליסטערט —
נאָר וואָס? דאָס האָב איך ניט פערשטאַנען...

צו האָט זי נאָר געוויענט מיין וועלט,
וואָס איז פון לעבען קראַנק, דערשראָקען?
און אפשר האָט זי גאָר געוואלט מיך
צו זיך, אין יענער וועלט, פערלאָקען?...

איך וויים ניט און נערענק שוין גאָר נישט —
עס האָט פערמישט זיך אַלץ צוזאַמען...
אַ גאַנצען טאָג האָב איך געבלאָנושעט
און ס'האָט געצוֹיגען צו דער מאַמען...

מיין הארץ איז ווייך...

(צו...)

מיין האַרץ איז ווייך, ווי ביי אַ יונגעל,
וואָס האַלט זיך אָן דער מאַמעס קליידעל;
מיין מוטער איז שוין לאנג געשטאָרבען –
ווי דו מיין מאַמע, ליעבע מיידעל.

איך וועל דיר, ווי אַ מאַמען, פאָלגען
אַלץ וואָס דו וועסט נאָר הייסען, זאָגען;
און אַז דו וועסט, מיין ליעבע, שטאַרבען,
וועל איך נאָך דיר איך קדיש זאָגען...

יום־טוב...

יום טוב. ביי א טיש א פרעמדען
זיץ איך און די ווירטין אַלץ
פרעגט מיך פריינדליך: „ליעבער אורח,
אפשר איז ער אייך ווענינ זאַלץ?"

— אָ, איך דאַנק... איך האָב דערמאַנט זיך
אָן מיין היים און ס'איז א טרער
פון מיין אויג אריין אין טעלער,
און מען דאַרף קיין זאַלץ ניט מעהר...

דער טאָג...

דער טאָג איז אַ שווערער געווען,
יעדע שעה האָט פֿיעל פֿורען געוואוינען;
עס האָט זיך פֿון אונטער דער משא
מיין רוקען געבראָכען, געבויגען...

דער צו איז דער ווענ נאָך געוועזען
פֿול־ווּמפען, פֿול־קלעבינען לעדם —
איך האָב נאָר נעפּליסטערט איין תּפלה:
וואָס ניכער, וואָס ניכער אהיים!...

ס'איז דונקלער און דונקלער געוואָרען,
און שטיל און רחמנות'דיג־באַנג,
האָט עמיץ אַזוי ווי געטרייסט מיר:
עס וועט שוין ניט דויערען לאַנג...

אליין...

האָב איך קיין פֿריינד ניט צו וועמען צו גייען,
בלייב איך אין צימער און זיץ מיר אַליין.
הינטער די פֿענסטער דאָרט הער איך עס ברומט,
אינווייניג — רוהט אַלץ און שווייגט אַלץ און שטומט...

איינגעצאָהלט האָב איך שוין מיין בעל הבית,
ליעג איך מיר רוהיג מיט מיין פּאַפּיראָס;
ליעג איך מיר רוהיג און האַלט איהם אין מויל;
און די געדאַנקען ווי בלאָנזשען דיך פֿויל...

בלאָנזשען און בלאָנזשען — ווער ווייס ווי וואוהין,
דאָרט אין די שטעגען פֿון נאַרישען זין...
בלאָנזשעט אייך, ליעבע, ווי אייך נאָר געפֿעלט —
סודות פֿערבלייבט איהר פֿאַר מענשען און וועלט...

עס קלינגען די גלעקליך...

עס קלינגען די גלעקליך,
עס טראָגען זיך שליטליך;
זיי רופען, זיי ציהען — —
וואוהין? און מיט וועמען?

איך בין אין די וועגען
פון לעבען פון לאַנגען
אַנ׳איינזאַמער וואַנדרער,
אַ פוסגעהער שטענדיג.

וואוהין זאָל איך היימען
דעם קוטשער מיך פיהרען?
ביי וועלכען הויז זאָל איך
איהם זאָגען: דאָ שטעל זיך?

מיט וועמען זיך שליטלען
איך איינזאַמער וואַנדרער?
— מיין איינציגע ליעבסטע
די פלידהט מיט אַ צווייטען...

*

אויף וואָס זאָלסטו וואַרטען,
אויף וואָס זאָלסטו האָפען ? —
דו האָסט די מלחמה פערלאָרען, פערשפּיעלט;
געצילט, און געציעלט און האָסט קיינמאָל געטראָפען
אַהינצו, וואוהין ד'האָסט געציעלט...
און קענסטו ניט שיסען, דאַן ביזטו אוים העלד,
דאַן מוזטו פערלאָזען דאָס בלוטיגע פעלד...

איין שטערן...

איין שטערן געהט אויף,
אַ צווייטער — ער פֿאַלט;
בערוהיג זיך, פֿריינד —
די מעשה איז אַלט...

איין טייך רוישט און פּליעסט,
אַ צווייטער בלייבט לעער;
בערוהיג, זיך פֿריינד,
דיין קוואַל שלאָגט ניט מעהר...

איין פֿייגעל הויבט אָן,
אַ צווייטער לאָזט איים;
נו, שטילער, מיין פֿריינד —
דיין ליעדעל איז אוים...

דיין ליעדעל איז אוים,
ביזט טויט און ביזט שטום,
דו הערסט? אויף דיין גרוב
געהט עמיץ אַרום.

דו הערסט — אויף דיין גרוב,
ווי אייזערנע טריט...
ווילסט שרייען: איך לעב!
דו קענסט אָבער ניט...

פריהלינגס־ליעדער.

I.

דער שניי איז צוגאַנגען,
ערוואַכט האָט די וועלט;
די זון שיט מיט שטראַהלען,
און שמייכעלט און קוועלט.

און מחותנתטעס קומען
די פייגעל צוריק,
מיט פרייליכע ליעדער —
טשיריק און טשיריק!

עס קומען די פייגעל,
עס ציהט זיי אַהיים:
צום נעסט צו דעם אַלטען,
געפלאָכטען ביים בוים.

איך הער זייער זינגען,
דאָס האַרץ דריקט אין פרעסט...
אויך מיר ווילט זיך פליהען
אַהיים צו מיין נעסט!

II.

ווער ערוואַכט פון שלאָף מיין שעהנהייט,
דען דער ווינטער איז פערשוואונדען,
און דער פריהלינג האָט מיט שטראַהלען
ווינע ליכטער אָנגעצינדען.

יאָ, פֿערשוואונדען איז דער ווינטער
און דער קאַלטער שניי צוגאַנגען;
איבער פֿעלדער, בערג און טהאָלען
קלינגען פֿרייליכע געזאַנגען.

אין מיין פֿענסטער, קאַלטען האַרצען
איז געוואָרען ליכטיג, וואַרעם,
קום צו מיר, מיין ליעבע שענהייט,
זיכער וואַרף זיך אין מיין אָרעם!

כ'פֿיהל מיך איצט בענייט מיט קרעפֿטען,
בין אין שטאַנד אַלץ איבערקומען
און צום העכסטען באַרג דיך ברענגען
וואו עס בליהען מיינע בלומען...

פֿרעה זיך בחור...

פֿרעה זיך, בחור, אין דיין יוגענד
און פֿערגעס אין מוסר, טוגענד;
ניט פֿאַר דיר איז דאָס געגעבען,
דו האָסט נאָר איין מצוה: לעבען!

נאָרנישט איז פֿאַר דיר פֿערבאָטען,
יעדע לוסט: פֿון גאָט, פֿון שטן...
זאָלען צוימען פֿאַר דיר קראַבען,
אַלע טהיירען — זיך אויפֿמאַכען...

קלאַפּ אין אַלע לעבענ׳ס־טהירען,
און ניט קלער וואוהין זיי פֿיהרען:
צו אין גיהנם, צ׳ן גן־עדן —
דאָס וועט שוין דער טויט בעשיידען...

קום, ברודער...

קום ברודער, לאָמיר וואַנדערען —
וואוהין ניט פרעג, דאָס מאַכט ניט אויס;
פון איין אָרט אין דעם אַנדערען —
די וועלט איז ברייט, די וועלט איז גרויס.

דאָס גליק פערשפּיעלט איז סיי ווי סיי,
די רייכקייט אויך, די ליעבע אויך;
טאָ לאָמיר ווערען פייגעל־פריי
ווי יענע — זעהסטו? — אין דער הויך...

איך וויין...

איך וויין אויף דעם לעבען, וואָס איז אַזוי טרוקען,
איך וויין אויף דער ליעבע, וואָס וואַרעמט ניט אויבין!
צו וואָס איך האָב נעבטען געוואָלט מיך גלייך בוקען,
בעטראַכט איך היינט ניכטער: ווי קליין און ווי שטויבין! –

איך היין אויף די מענשען, וואָס קענען ניט ליעבען
און ווילען ניט מאַכען דעם חברים לייד גרינגער,
מען רעדט פון בעניען די וועלט, און געבליעבען
דער אַלטינקער דלות, ניט שענער, ניט יינגער...

איך וויין, חייל מ׳ין האַרץ איז צו קלוג און פערשטענדינ
און פרעגט מיך: צו קען מען די וועלט איבערמאַכען?
אידר וענט אַזוי שוואַך, אַזוי קליין און אָבהענדינ –
איך חיין, ווייל איך חיים ניט, ווי קען מען עס לאַכען!...

אויפ'ן פעלד...

אויפ'ן פעלד
וועהט א קעלט,
יאָגט א ווינד א בייזער,
און ער ביינט,
און ער ליינט
צו דער ערד די גרעזער.

שטיל מיט וועה
פאַלען זיי
צו דער ערד אַנידער;
ווי נערעדט:
ס'איז שוין שפעט,
ס'העלפט ניט זיין דערוויעדער.

אוים, פאַרביי
איז דער מאַי
און דער ליעבער זומער;
סומנע, קאַלט
און עס פאַלט
אויפ'ן הארץ אַנ'אומער...

די דריי ציגיינער.

(פון לענאו).

איך האָב דריי ציגיינער בענעגענט אַ מאָל —
די װענען ף'אַ לאַנקע גענלעגען —
װען ס'האָט זיך מיין פוהר'ל פערמאַטערט און מיעד
געשלעפּט איבער זאַמדיגע װעגען.

געהאַלטען האָט איינער זיין חבר אין האַנד —
זיין אַלטע, זיין ליעבּליכע פידעל —
בעלויכטען, בעשטראַהלט פון פאַרנאַכטיגען שיין,
האָט געשפּיעלט ער אַ פייערדינ־ליעדעל.

דער צװייטער אַ ליולקע געהאַלטען אין מויל,
געקוקט, װי דער רויך װערט צוגאַנגען,
און רוהיג, אַזוי װי ער װאָלט פון דער װעלט
שוין קיין מאָל קיין גליק ניט פערלאַנגען...

דער דריטער איז היימליך געשלאָפען און שטיל,
די פידעל צום האַרצען געלעגען;
אַ װינדעל האָט קוים אידהרע סטרונעס בעװעגט,
זיין האַרץ האָט אַ חלום בעװעגען.

די קליידער, װאָס האָבען געטראָגען די דריי,
איז לעבער אין לאַטעס געװעזען —
מיר לאַכען זיך אויס פון דער נאַרישער װעלט!
דאָס האָט מען אויף זיי באַלד געלעזען...

די האָבען מיר דריי מאָל געלערענט, געציינט:
װען ס'הויבט אָן דאָס לעבען צו נאַכטען,
װאַזוי מען פערשפּיעלט עס, פערריוכט און פערשלאָפט —
און דריי מאָל פערשפּאָטען, פעראַכטען...

און לאַנג נאָך האָב איך אויף זיי דרייען געקוקט,
ווען איך בין שוין ווייטער געפאָהרען,
געקוקט אויף די שוואַרצע געזיכטער און האָר,
ביז וואַן ס'האָט מיין אויג זיי פערלירען...

דער גוטער פאסטוך.

(פון ריכארד דעהמעל.)

לאָוט אונז ענדליך פרייליך וואַנדלען
און פערגעסען אָן אַלע דינג;
אונבעזאָרגט נאָר ווע׳ מיר האַנדלען
וועט דאָס שווערסטע ווערען גרינג.
גליק מאַכט יעדע זעלע פרום, —
אייל דיך רחל, לאה קום!

וועלען לעמער זיך ווען צאַנקען
ווען דער פאַסטוך מעהרער ליעבט?
טרייבט די מאוסע געדאַנקען,
זאָל דאָס גליק ניט זיין בעטריעבט.
זעהט! די לבנה נעהט שוין אויף —
אייל דיך רחל, לאה לויף

מאַך איך אייך ניט גליקליך ביידען,
ווען אויך מייסטענטהיילס אַליין?
ס׳שמאַכטען וואַלד און פעלד בעשיידען:
ווער וועט היינט די איינע זיין?
אָ, ווי ליעבליך שמעקט דער היי! —
אייל דיך רחל, לאה גייא!

איז אוועק צום קריעג דער מלך...

(פון מאריא קאָנאָפּניצקאַ).

איז־אַוועק צום קריעג דער מלך—
בלאָזען אַלע שופרות פרעהלעך;
שופרות בלאָזען, רויבען, בּרומען,
אַז ער זאָל בשלום קומען.

איז געגאַנגען סטאַך זיך שלאָגען
האָט דער טייך גענומען קלאָגען,
און די זאַנגען שטיל צו ציטער'ן,
אויף זיין מזל, אויף זיין ביטער'ן...

אויפ'ן שלאַכט־פעלד אונטען, אויבען
פליעהען קוילען, מעשען ליעגען,—
מלכים שלאָגען זיך, ווי לייבען,
חלאָפּעס פאַלען ווי די פליעגען...!

פאָהנען רוישען, שאָסען קראַכען
און די מחנות ציהען ווייטער;
ס'האָט אַ קויל געטראָפען סטאַכ'ען,
ס'קומט אַהיים דער מלך הייטער.

ווי געקומען איז דער מלך
עפענען זיך די טהירען פרעהליך;
די טראָמפּעטען רוישען, שאַלען
און די זון, זי שיט מיט שטראַהלען.

ווי מען האָט גענומען גראָבען
פיר דעם סטאַך אַ גרוב, דאַן האָבען
שטיל געוויינט אין פעלד די גראָזען
און אַ ווינד האָט צו געבלאָזען...

א נייעם ליעד.

(פריי נאך היינע).

נענוג שוין מיט דעם אַלטען ליעד,
די אַלטע פוילע טענער!
א נייעם ליעד האָב איך פערפאַסט,
עס וועט גאָר קלינגען שענער.

און נישט פאַר גליקען הימלישע — —
דאָס לאָז איך פאַר מיין ויידען —
מיר ווילען טאַקי אויף דער ערד
געניעסען דעם גן־עדן.

מיר ווילען גליקליך זיין אויף דר'ערד,
דאָס איז א וודאי גלייכער —
נענוג שוין אונזער פליים און מיה
זאָל געהן אין פוילע בייכער.

עס וואַקסט גענוג ברויט אומעטום,
גענוג וועט זיין פאַר אלע,
אויך רויזען, בלומען, שענהייט, לוסט
און ראָזינקעס, און חלה.

יא, ראָזינקעס און חלה, גלייך
ווי ס'פאָלק ערוואַכט פון דרימעל;
די מלאכים און די פייגעלעך —
זיי שענקען מיר דעם הימעל...

אוים היינע.

I.

אין מיין דונקעל־לעבען האָט מיר
איך אַמאל אַ בילד געשיינט,
נאָר דאָס בילד איז מיר פֿערשוואונדען
און עס איז מיר פֿינסטער היינט.

קליינע קינדער, ווען זיי זיצען
אין דער פֿינסטער, שרעקט עס זיי,
און זיי זינגען הויך אין העכער
צו פֿערטומלען זייער וועה.

איך בין אויך אַ קינד נאָר נאַריש,
זינג מיר איצט אין פֿינסטערקייט;
האָטש עס קלינגט דאָס ליעד ניט פֿרעהליך,
בין איך דאָך פֿון אַנגסט בעפֿרייט.

II.

אָט וואַנדעל איך ווידער אַרום אין דער נאַכט
און האָב מיך צום שטיבעל געלאָזען,
וואו ס'האָט דאָרט מיין ליעבסטע אמאָל נאָך געוואָהנט;
דאָס שטיבעל איז וויסט און פֿערלאָזען.

און ענג ווערט די נאַכט מיר און דריקענד די לופֿט,
דער ברוק אונטער מיר, דאַכט זיך ציטערט;
די הייזער זיי פֿאַלען מיר גלייך אויפֿן קאָפּ —
איך איל, און ענטלויף באַלד פֿערביטערט.

III.

זינט מיין ליעבסטע איז מיר ווייט
האָב איך לאַכען גאַנץ פֿערמיידט;
פֿון אַ נאַר אַ וויץ אַך הער,
אָבער לאַכען איז מיר שווער.

זינט איך האָב פֿערלאָרען זי
איז מיר וויינען אויך אַ מיה;
סליעגט אין האַרצען, ווי אַ שטיין,
אָבער וויינען — ניין, אָ, ניין!

IV.

ביזט דו טאַקי מיר אַ שׂונא,
קענסט מיך טאַקי ניט פֿערטראָגען?
פֿאַר אַזאַ בעהאַנדלען וועל איך
פֿאַר דער גאַנצער וועלט זיך קלאַגען.

אָ, איהר אונדאַנקבאַרע ליפּען,
זאָגט, ווי קאָנט איהר שלעכטס רעדען
אויף דעם מאַן, וואָס האָט געקושט אייך
אין די טעג פֿון גליק און פֿריידען?...

V.

שענע, ליעבע גאָלד'נע שטערען,
מיין בקשה זאָלט איהר הערען:
גריסט מיין ליעבסטע אין דער פֿרעמדע,
כ'בין אלץ בלאַס און טריי, געקלעמט...

ביי נאכט.

(פון ביאליק)

ס'שיט די שטילע נאַכט מיט סודות,
ס'איז די גאַנצע וועלט אנשווינגען;
נאָר דע־ וואַסער מיהל — ער וואַרפט זיך,
לאָזט דעם טייך ניט רוהיג ליגען...

ס'ווערט די שוואַרצקייט אַלץ געדיכטער,
שאָטענס מעהרען זיך און מעהרען;
זאַכט אין ים פון נאַכט און שוואַרצקייט
פאַלט אַ שטערן נאָך אַ שטערן...

שטיל אַרום. מיין האַרץ נאָר, פיהל איך,
וויל ניט שווייגען, וויל ניט שטומען,
און איך הער אַ קוואַל אַ ריינעם
אין מיין האַרצען רוישען, ברומען...

און עס רעדט פאַמעליך: „קינד׳מיינס,
ס'ווערט מקוים דיין בעגעהרען,
זעהסט, אַ שטערן פאַלט פון הימעל,
גלויב מיין קינד — ס'איז ניט דיין שטערן!...

דיינער זיצט נאָך פעסט און פינקעלט
אין דער שטערען־קייט דאָרט אויבען;
גיעב אַ קוק, דו זעהסט — ער ווינקט דיר,
און זיין בליק איז טרייסט און גלויבען"...

און איך קוק אַהין צום שטערן,
ווי עס ווערט די וועלט אנשווינגען — —
מיין וועלט, ווייס איך, איז נאָר איינע —
כ'פיהל זי אין מיין האַרצען ליעגען...

MEDEM LIBRARY
TORONTO

אברהם רייזען.

אין פֿערלאג „פּראָגרעס“ ווארשא
איז יעצט ערשינען

„שריפטען“

פון

יונה ראָזענפעלד.

פראכטפאָל שעהן געדרוקט
מיט'ן בילד פון אוטאָר.

פרייז 65 קאָפּ.

געבונדען אין פּראַכט-באַנד נאָך 35 קאָפּ'.

מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען :

Книгоиздательство „Прогрессъ“,
Я. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки 36.

דער פֿערלאג „פּראָגרעס“ ווארשא
האט יעצט אָב געדרוקט
א נייעם באנד

שריפטען י. ל. פּרץ

אונטערן נאָמען

„פאלקס־טימליכע געשיכטען“

מיט דאס נייעסטע בילד פון אוטאָר.

פרייז 1 רובל 25 קאָפּ'.

מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען :

Книгоиздательство „Прогрессъ“.
Я. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки 36,

אין בוכהאנדלונג
פון פערלאג „פראגרעסס“

איז שטענדיג צו בעקומען דעם גרעסטען אויסוואהל פון די בעסטע, ניצליכסטע און נייעסטע זשארגאנישע ביכער ווי בעללעטריסטישע, וויסענשאפטליכע און פאליטיש-עקאנאמישע, וואס ערשיינען אין רוסלאנד און אויסלאנד פון פערשיעדענע פערלאגען.

ספעציעלע בילינע פרייזען ווערט גערעכענט פיר ביבליאטעקען און בוכהענדלער.

קאטאלאגען ווערט פריי געשיקט

אדרעסע

Я. ЛИДСКІЙ

Книжный магазинъ „Прогрессъ“

Варшава, Налевки 36.

האט אפגעדרוקט

די נייעסטע ווערק

פון דעם בעליעבטען און פאפולערסטען שריפט-שטעלער

שלום עליכם.

אין די ווערק קומען אריין די בעסטע און נייעסטע ערצעהלונגען, פעליעטאנען, הומא-רעסקעס און דראמען, וואס ער האט פיר די לעצטע צייט געשריבען אין פערשיעדענע זשורנאלען אויך וועלכע זענען נאך אין איראפא נים בעקאנט.

די ערצעהלונגען קומען אילוסטרים פון א בערימטען קינסטלער.

די שריפטען ווערט צוגעלייגט דאס נייעסטע בילד פון אווטאר.

פארלייפיג איז ערשינען צוויי בענדער.

פרייז פיר יעדען באנד 1 רו״כ.

אדרעסע:

Книгоиздательство „ПРОГРЕССЪ“

Я. К. Лидскій, Варшава, Налевки 36.

VELUT ARBOR ÆVO

Presented to the

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

by

MULTICULTURAL HISTORY SOCIETY OF ONTARIO

מערעם ביבליאָטעק און לעזע זאַל

פונם

סאָציאַליסטישן קלוב „צוקונפט“

טאָראָנטאָ

1. יעדער בוך קען געהאלטן ווערן ביז 14 טעג, און קען באַנייט ווערן בלויז איינמאל, פאר נאך 14 טעג.
2. א שטראף פון 2 סענט וועט גערעכנט ווערן פאר יעדן טאָג האלטן דעם בוך איבער דער צייט.

115

מערעם-בי
LIBRARY
ONTO
„צוקונפט“

מעדעם ביבליאָטעק
MEDEM LIBRARY
TORONTO

...RY
TORONTO

3 1761 04645799 0